STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06050

IBERGUS

Leib Malach

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Buenos Aires

DAVID G[illegible]
CÓRDOBA 3358 - Dpto. 4
BUENOS AIRES

ל. מלאך :: איבערגוס :: דראמע

אויפגעפירט צום ערשטן מאָל דעם 18־טן יולי אין טעאטער
״פּאָליטעאמא ארגענטינא״ בוענאָס איירעס. סטיליזירט.
רעזשי: י. באטאשאנסקי.

באטייליקטע :

רייזל	מערי פראדקין
דר. סילווא	וואָלף דאָרעלין
בלאָנדער	מישא שווארץ
קוואָקע	מאטילדא זייד
חלק	יעקב קראקאוו
סטארע	פנחס אורי
פּעסעלע	שפרה קליינבורד
לייזער	איזי שאָפּער
פּרעזידענטן	ליליאן ראָז
וויצע	בעלא רויזמאן
אדעסערן	פּאולינא זינגערמאן
פראנצויזן	סאָפיא אייזנשטיין
יאפּאנערן	גאָלדע פרידמאן
ערשטער מאטראָז	זיגמונט גזשיוואטש
צווייטער מאטראָז	יעקב פלאפּאן
דריטער מאטראָז	שפרה לערער
אקטיאָר	יאָסל זייד
ליבהאָבער	חיים נאָוואדווארסקי
ערשטער דעלעגאט	ראובן פיעפש
צווייטער דעלעגאט	אנשעל סעגאל
קאָמיסאר	זיגמונט גזשיוואטש
פּייערלעשער	יעקב פאן
ערשטער אגענט	מאנים קאָרן
צווייטער אגענט	יאָסל בורליסק
פּאָרטיער	יהושע עסעלעס.

מוזיק־לייטונג: מ. גערבעראָוו. דעקאָראטאָר: ס. לאפּידוס.
: : גרים־מייסטער: א. קעמעלמייער. סופלאָר: מ. ראנים. : :

ל. מלאך

איבּערגוס

דראמע אין פיר אקטן

בוענאס איירעס

1926

איבפירן אף דער בינע, איבערדרוקן, איבערזעצן
אן דער הסכמה פונם מחבר, אדער באפולמעכ־
טיקטע פארוועטער.
די רעכט אין אלע לענדער געשיצט.
Copyright by L. L. MALACH

Buenos Aires, 1926

ארויסגעגעבן אלס מתנה דעם מחבר פון א גרופע
פריינט אינם יונגט קולטור צענטער אין
באהיא בלאנקא:
א. בערמאן, נ. סטאמלער, מ. פאנאסאף.

* *

*

די פיעסע „איבערגוס" איז א וויכטיקער עטאפ אין ל. מלאכס שאפן, אבער — ניט דאס איז די סבה פון די דאזיקע שורות; דער פיעסע „איבערגוס" איז באשערט געווען צו ווערן ע פ א כ ע מ א כ נ ד איז דער געשיכטע פון אידישן טעאטער אין ארגענטינע און דערפאר — דאס, וואס מיר זוכן כסדר אזוי אויסצומיידן: אן הקדמה.

קודם כל א לשון פון פאקטן:

אין אפריל (ארגענטינע איז כידוע א פארקערטע וועלט און אנהויב טעאטער סעזאן נעפאלט דא אין אפריל) 1926 איז די פיעסע „איבערגוס" פארגעלעגט און פארגעלייענט געווארן א. ב. איירעסער אידישן טעאטער, זי איז גענומען געווארן און מ'האט זי שוין געהאלטן בא אויפפירן. אין דער לעצטער רגע האט דער די־רעקטאר פון טעאטער דערקלערט, אז ער קאן זי ניט אויפפירן, ווייל זי באריר־ט פרויענהענדלער. דער מחבר פון די דאזיקע שורות, וואס איז א טעאטער־מענטש און מלאכ'ס א פריינד, האט געפירט די פארהאנדלונגען און איז דערשטוינט גע־ווארן, ווען ער האט דערהערט אזא חוצפה'דיק ציניש דערקלערונג פון א מענטשן, וואס שטייט בראש פון א אידישן טעאטער. זייענדיק נאך א „גרינער", האב איך געוואוסט, אז ס'ווערט מצנים קדמגיות געפירט א קאמף קעגן דעם דריסת הרגל פון „יענע לייט" אין אידישן טעאטער (די איינציקע עפנטלעכע אידישע אינסטיטו־ציע, פון וואנען מ'האט זיי נאך ניט פאריאגט) און אז צווישן די דאזיקע, וואס האבן אנגעפירט דעם דאזיקן קאמף זיינען אויך געווען פרץ הירשביין און ה. ד. נאמבערג, אבער אז די פרויענהענדלער האבן די גאנצע שליטה איבערן אידישן טעאטער האב איך זיך ניט פארגעשטעלט. כ'האב די געשיכטע פארעפנטלעכט און ס'איז געקומען צו א סקאנדאל און צו א כמעט בלוטיקן קאמף.

דער קאמף האט אנגענומען ווילדע פראפארצן, די גאנצע אידישע געזעלשאפט־לעכקייט און דאס געדרוקטע אידישע ווארט האט אין קאמף אנטייל גענומען און דער דערמאנטער קאמף איז שוין היינט א געוואונענער און ס'האלט ניט ווייט דערפון, דאס אידישע טעאטער־וועזן אין ארגענטינע זאל זיך באפרייען פון יעדער טמא'דיקער השפעה דער פאל מיט דער פיעסע „איבערגוס" האט געפירט צו א קולטורעלן ניצחון אין ארגענטינער אידישן לעבן בכלל און צו א ר י י נ י ק ו נ ג פון אידישן טעאטער בפרט.

דער מחבר פון די דאזיקע שורות האט אויך רעזשיסירט די ערשטע אויפ־פירונג פון „איבערגוס" און אז ס'האלט שוין בא הקדמה, טא זאל מיר זיין דערלויבט א פאר ווערטער וועגן דער רעזשי.

ל. מלאך האט אריינגעבראכט אין דער אידישער טעאטער־ליטעראטור א נייע פארב: א בלאנדע, א ק ר י ס ט ל ע כ ע. ניט אומזיסט האט דער געדאנקען־טרעגער פון דער פיעסע — דער עמיגראנטן־לערער, וואס איז פארליבט אין א פראסטיטוטקע און גייט אין די „הייזלעך" אריין שרייבן בריוועלעך צו די מאמעס — דער בלאנדער. ער טראגט אין זיך קריסטלעכע „ווער ס'איז בעסער פון איר, זאלווארפן א שטיין" צי דער זונה בכלל און ניט א קאפ־עניו איז דאס בא אים, נאר א טיפע, גרויסע ליבע. דער אקטיווער העלד פון דער דראמע איז א פרוי מיט א

גרויסן כאראקטער און מיט א סאך שיינעם מענטשלעכן שטאלץ — די זונה רייזל. ווי שיין און ווי הויך זי ראנגלט זיך אין איר פארלאנג א י ב ע ר צ ו ג י ס ן זיך. שטעלט מען צו דעם מולאט דר. סילווא, וואס האט זיך פארליבט אין רייזלס ווייסקייט און זעט אין איר „א געהייליקטע דורך זינד" — דאן האבן מיר פארענדיקט מיט די טראגישע און רייכע העלדן פון דער פיעסע. פון זיי קומען צו די אנפירער פונם תהום: די מכשפה „קוואקע", וואס איז די מומע פון הייזל, דער שוחט פון די פרויענהענדלער ה ל ף און זייער אקטיאר ס ט א ר ע. די צוויי לעצטע זיינען די דאזיקע, וואס זיינען מטהר דעם שרץ מיט „רעליגיע" און „קונסט" — פרויען־הענדלער קאנען אז די ביידע ניט לעבן... די איבעריקע פערזאנען זיינען פון קלענערער וויכטיקייט און בילדן ניט מער ווי די סביבה: רייזלס קרובים, וואס געפונען זיך אין קלעם צווישן „אידישקייט" און „ריינקייט". אז רייזל לעבט מיטן קריסט סילווא איז זי א רייכע, אבער ניט קיין אידישקע, „ארבעט" זי אין „הייזל" בא קוואקען איז זי א „אידישקע", אבער ניט קיין ריינע. ווייסן זיי ניט וואוהין צו ציען... די פרעזידענ־טעכעס מיט די דעלעגאטן זיינען דער הילפלאזער ריינקונגס־פארלאנג און קאמפס־אויסדרוק פון דעם קליינעם אידישן קיבוץ.

אין דער רעזשי האב איך געזוכט בולט צו מאכן דאס „בלאנדקייט" פון דער פיעסע קודם כל דורך די מאסקעס: דער בלאנדער איז גרימירט כמעט ווי א יעזוס (כמעט, ער איז צומאל א אידישער יוזל") רייזל — ווי א מאריע מאגדאלענא. דער תהום איז שווארץ: קוואקע — א מכשפה. חלף — א האלבער רב און א האלבע פראסטיטוטקע סטאר — א הארלעקין מיט שווארצע און רויטע פלעקן אפן פנים. רייזלס קרובים זיינען — פשוט גרין, די פרעזידענטיכעס און די דעלעגאטן — גרויסע קינדער.

די גאנצע אויפפירונג איז שוין במילא א פועל יוצא פון די מאסקעס און איז ניט קיין נאטוראליסטישע, נאר א סטיליזירטע. אלע פערזאנען טרעטן אויף אונטער מוזיק און אויטאמאטיש. די ערשטע סצענע פון ערשטן אקט, וואס הויבט זיך אן מיט דעם וואס דער בלאנדער שרייבט א בריוול צו רייזלס מאמען ווערט געפירט אונטער די קלאנגען פון „א בריוועלע דער מאמען" א. א. וו.

דעם טעקסט האב איך זיך אין ערגעץ ניט דערלויבט צו ענדערן, אבער איך האב אים תמיד טעאטראליש געטייטשט און דאס גערעדטע ווערט געשפילט.

א געוויסע השפעה אף דער רעזשי האט געהאט דער פיבערדיקער מאמענט פון קאמף און זייער אפט ווערט די בינע איינגעטיילט אף צוויי פלעקן: א ווייסן און א שווארצן, אבער דאס ווערט תמיד געטון טעאטראליש און די רעזשי האט תמיד אין זינען געהאט דאס בילד ניט ווייניקער ווי דעם געדאנק.

רייזלס „איבערגוס" איז טראגיש געלונגען און ניט געלונגען. דער איבערגוס פון אידישן טעאטער אין ארגענטינע, וואס איז אזוי נויטיק — וועט געלונגען.

יעקב באטאשאנסקי

בוענאס איירעס, יוני 1926.

טיפן:

רייזל

א יונגע "פרויענצימער" אן ערך דרייסיק יאָר אלט. א פולע שלאנקע פיגור, דאָס פּנים ווייס און איידל. דינע קיילעכדיקע ברעמען. לייכט און טונקל אונטערגעפירט די אויגן. אין זיי ברענט א שטילער רייץ. דער קאָפּ געפּאליעט אין שווארץ־סאמעט־געלאָקטע האָר.

ד"ר. סילווא

א טונקל־הויטיקער. — א מולאט. קורצע געקרייזלט־שטייפע הערעלעך אויפן קאָפּ. ברוין־גרינלעכע קאָלירן אויפן פּנים. עלעגאנט אין זיין באנעמונג. ער איז נאָנט צו די פופציק יאָר. נאציאָנאלער דעפּוטאט אינם קאָנגרעס.

דער בלאנדער

א "גרינער" יונגערמאן, זעקס און צוואנציק יאָר אַלט.

די קוואקע

אן אַלטע "מאדאם", די באלעבאָסטע פון "צימערן". פינף און זעכציק יאָר זיינען איינגעפלאָכטן אין איר מילך־ווייסן קאָפּ. איר גוף איז צוליאבערט. הינקט אויףביידע פיס.

בערל „חלף"

א געוועזענער "חברה־מאן". האָט ער היינט א געשעפט פון אלטווארג. א מגושמדיקער פעטער ייד. ער איז "זייער" שוחט און גבאי.

סטארע

א פארבלאָנדזשעטער אקטיאָר. א געלער און א הייזעריקער. ער איז "זייער" חזן...

פעסעלע

רייזלס מאמע. אן אלט קליין יידענעלע.

ל י י ז ע ר

רייזלס ברודער, א שווארצלעכער, א דארער מיט א **געשטופלט** פנים.

ד י פ ר ע ז י ד ע נ ט י ן

א דאמע פון יידישן פרויען הילפס־פאריין.

ד י ו י צ ע ־ פ ר ע ז י ד ע נ ט י ן

פון זעלביקן פאריין.

ד י פ ר אַ נ צ ו י ז י ן

ד י י אַ פּ אַ נ ע ר י ן

ד י אָ ד ע ס ע ר י ן

רייזלס חברטעס, "מיידלעך אויף ס'צימער".

ד ר י י מ אַ ט ר א ז ן

ע ר ש ט ע ר ד ע ל ע ג א ט

צ ו ו י י ט ע ר ד ע ל ע ג א ט

פאַרשטייער פון יידישער געזעלשאפטן

אַ ן אַ ק ט י אָ ר

אַ ל י ב ה אָ ב ע ר

אַ ק אָ מ י ס אָ ר

צ ו ו י פּ אָ ל י צ י י אַ ג ע נ ט ן

אַ פּ י י ע ר ל ע ש ע ר

אַ פּ אַ ר ט י ע ר

ע ו ל ם :

אין ריאָ דע זשאנעיראָ.

נעלע פארהענגלעך

ע ר ש ט ע ר א ק ט

אויפגעם־סאַלע אין "הויז" פון מ א ד א ם ק ו א ק ע. לינקס און רעכטס — טירן מיט שווערע געלע פאָרהאַנגען. גלייך — א טיר צום "געסל". אינווענייק איז א פארהייזל פון רויטע ברעטלעך און טירלעך מיט מאַטע שויבן, לייטער לאָדנס. אויף דער וואַנט קעגנאיבער — א שווערע אלמאָדישע פיאַנע, אויף איר — א בוקעט מיט פארטריקנטע בלומען... אויף דער ערד וואַלגערט זיך א מעטאַלענע טאַץ מיט ליידיקע גלעזלעך...

ס'איז ערב יום־כפור פאַרנאַכט.

עס קומט אַן דער בלאָנדער פון רעכטס עלאסטיש און שוועבנדיק האַלט א גרויסע פעדער, פון לינקס שאַרט זיך אַן רייזל איינגעטוליעט איר קאָפּ אינם הינטל. ביידע טרעפן זיך ביים טיש אויף וועלכן ס'איז דאָ פּאַפּיר און אַ טינטער. דער בלאָנדער שרייבט. ר י י ז ל זעצט זיך אויפן טיש און שמייכלט צום ב ל אָ נ ד נ ס שרייבנדיקן פינגער, אָנגעטון איז זי אין א גרין זיידן קליידל מיט ווייסע קרעלן אויסגענייט. ווייסע שיך און זאָקן, האַלט זי די פיס אונטערגעשפּארט אויף א געבעטע שטול. אין איר שוים טוליעט זיך דאָס ווייסע ראַסע־הינטעלע מיט געקרייזלטע האָר. איבערן שטערן הענגט אראָפּ א בינטעלע לאָקן און וויגט זיך אין דער לופט ביי יעדן ריר אירן.

ר י י ז ל : ...שרייב, שרייב, רוביא, וועסטו זיך אָנשרייבן א גוט יאָר! אמת, ווער ס'האַלט די פעדער אין האַנט...

ב ל אָ נ ד ע ר : שרייבט זיך אָן א גוט יאָר?..

ר י י ז ל : אזא מזל שוין אויף מיר. האסטו אריינגעשריבן וועגן די פּעק־לעך וואָס כ׳האָב געשיקט?

ב ל א נ ד ע ר : יא, אריינגעשריבן.

ר י י ז ל : שרייבזשע צו... ווארט נאר... מער נישטא קיין נייעס. — לאז גריסן לייזערן. וואס שרייבסטו נישט? זיך פארקלערט?

ב ל א נ ד ע ר : דאס בעסטע וואלט געווען, ווען איר פארט אוועק, דארט, אין אמעריקע: ס׳איז דא אזוי פיל יידן, מ׳קאן נישט איינער דעם צווייטן, אזוי פיל יידן אין אמעריקע!

ר י י ז ל : אוי, יאלדיקל! ווער דארף אמעריקע מיט יידן, הי פעלט קינער־לעך? וואס איז, דען דא שלעכט?

ב ל א נ ד ע ר : איר ווייסט דאך. וואס איך מיין: מ׳האסט אזוי, מ׳לאזט נישט אויפהויבן...

ר י י ז ל : כ׳לאך זיך אויס פון זיי! אז מ׳וויל ארויס פון לעבן, קאן מען אזוי אויך. ווען איך וויל נישט דאווענען אין זייערע שולן, כ׳דאוון אזוי אויך נישט. און נאכן טויט מעג מען מיך לייגן, וואו מ׳וויל, אפילן פאר די הינט ארויסווארפן...

ב ל א נ ד ע ר : אין ערגעץ איז נישט אזוי. אומעטום זיינען דא אזעלכע... אין ווארשע און אין אדעס. און אז מ׳וויל זיך צוריקקערן, עפנט מען אויף ברייטע ארעמס, נעמט מען אויף מיט חסד, נישט ווי דא...

ר י י ז ל : אז איך קום צו די היזיקע אויף א באילע גיט מען מיר אפ א רעספּעקט. ביי ס׳אונדזעריקע יידעלעך פארדרייט מען מיט די קעפ, כ׳שאד זיי צום יחוס, די מאראמען זויערקרויטס...

ב ל א נ ד ע ר : אין אמעריקע איז אנדערש: דארט זיינען אלע גלייך; א מענטש איז א מענטש. איר דארפט פארן אין אמעריקע, א רחמנות אויף די טעג, וואס פארגייען ביי אייך אין יאמער. איר פילט עס ניט, איר זענט אינדרינען, אבער ס׳ציט דאך אייך פון דאנען.

ר י י ז ל לאנדסמאן, אז מ׳איז אין דעם לעבן קאָן מען אזוי גרינג נישט ארויס. כ׳בין נאך נישט פארפאלן. אז כ׳בין נאך נישט קראנק, וועט קומען א וויטישער און וועט מיט מיר התונה האבן.

ב ל א נ ד ע ר : איך אליין... איך אליין. ראזא! ווען איר באשטייט האב איך א פּלאן — — —

ר י י ז ל : אזוי? כא־כא־כא! אוי, גרינער, פארוואס האסטו מיר גאר־נישט געזאגט? ווילסט פירן מיט מיר א ליבע?

ב ל א נ ד ע ר : א ליבע? מ׳קאן נישט זאגן סתם אזוי, ליבע איז צו נע־

ווײנלעך. אײך האָט מען אַנדערש ליב.

ר ײ ז ל: כאַ־כאַ־כאַ־! אױ, מאַמע!

ב ל אַ נ ד ע ר: לאַכט נישט. ס׳איז אַזאַ מין ליבע, אַפּילו דער דאָקטאָר סילוואַ...

ר ײ ז ל: (פאַרשטעלט מיט איר האַנט זײַן מויל) ששש... שאַ!

ב ל אַ נ ד ע ר: נישט קײן שלעכטס מײן איך; ר׳איז זײער אַ פײַנער מענטש, אָבער ער ליבט אײַך נישט מיט אַזאַ באַוואוסטזײַן. איר געפעלט אים. עפּעס רײצט אים אין אײַך, געפעלט איר אים, — ווײַטער גאָרנישט. (פּויזע) אָבער איך? איך... ס׳איז עפּעס אַנדערש. איך ווײס נישט צי איר וואָלט געוואָלט זײַן מיט מיר, התונה האָבן; איך ווײס נישט צי איך וואָלט געוואָלט, צי איך וואָלט מוט געהאַט, איר פאַרשטײט: די געזעלשאַפט... מ׳איז צוגעבונדן... נאָר אױף אײַך האָב איך אַזױ פיל רחמנות! נײן, נישט קײן רחמנות, נאָר אַזאַ מיטלײד... מײן האַרץ, ס׳איז אַזױ וואַרעם, עפּעס צעגײט דאָרט, און אין מײַן בלוט טונקען זיך אײַערע פּײַן, איר פילט נישט אײַערע לײַדן, איך — יאָ. ווען איר שלאָפט אַפּילו פאַרטאָג, ווען איר שלאָפט, בין איך נאָך וואַך און טראַכט וועגן אײַך. מיר דאַכט, אַז איר ווײנט דאַמאָלס! איז איר ווײנט?

ר ײ ז ל: וואָס האָב איך צו ווײנען, די שיפן זײַנען מיר אונטערגעגאַנגען?

ב ל אַ נ ד ע ר: די שיפן נישט, נאָר אײַער גליק, אײַערע חלומות און די האָפענונגען — יאָ.

ר ײ ז ל: האָב איך שוין נישט קײן האָפענונג? וועלכער מענטש האָט דאָס נישט קײן האָפענונג.

ב ל אַ נ ד ע ר: איר פילט נישט — איך זע, מיר דאַכט: יעדן טאָג לעשט זיך אַ שטיק לעבן. איך זע ווי ס׳שאָטנט זיך אײַער בליק. איר לאַכט אַפּילו מיט אַזאַ טרויער, און איך וויל אײַך אַזױ העלפן, כ׳האָב אײַך אַזױ ליב, ראָזאַ, נאָר עפּעס פעלט. אַ ווילן, מוט! ווען איר זאָלט מיר צווינגען אײַך אַרויסצעפירן פון דעם תהום, פון דעם גע־פּל, ווען איר וואָלט מיך געצווינגען, באַשוואָרן, געניוט, וואָלט איך אַלץ געטון, אַלע מיטלען אָנגעווענדעט, איר פאַרשטײט?

ר ײ ז ל: וואָלסט התונה געהאַט מיט מיר?

ב ל אַ נ ד ע ר: ווען אײַער גליק וואָלט אין דעם זײַן געווענדט!

ר ײ ז ל: וואָלסט חתונה געהאַט? (קלערט אַ רגע, בויגט אָן איר קאָפּ אױף זײַן אַקסל, ער פּרעסט הײס צו זײַנע ליפּן אױף איר באַק) נאַרעלע, וואָס וואָלסטו געטון מיט מיר? ווײסט דען קאָנען מיר

קויפן זיידענע קליידער און אויסמעבלירן צימערן, גרינער?

בלאנדער: נאך נישט אויף דעם הענגט דאס גליק. מ׳קאן זיין באַשיידן, ארעם און צופרידן.

רייזל: ארעם? און דערנאך וועסטו מיט שיקן פארדינען!..

בלאַנדער: (באקומט אן אויסגעקרימטע גרימאסע אויפן פנים) ראזא!

רייזל: ניין, ניין! כ׳מיין אזוי, נישט דו (זי ציט צו זיין קאָפּ צערטלעך, גלעט אים און קושט אים אויפן שטערן) דו ביזט אזא גוטער, אזא גוטער, — חתונה האבן וועל איך מיט א גוי! אויב דער דאקטאר וועט וועלן, וועל איך מיט אים חתונה האבן. א גוי מאכט נישט קיין חילוק. דו וועסט זיין מיין ברודערל, וועסט שטענדיק קומען צו מיר, שטענדיק! וועסטו מיר יידישע בריוו שרייבן צו דער מאמען, יא שטענדיק?

בלאנדער: אז ס׳זאל אייך נאר גוט זיין. נישט אזוי, גלאט גוט, נאר אויף אן אמת, אויף דער נשמה. — אבער דער דאקטאר סילוואַ קאָן אייך נישט פארשטיין; מ׳דארף אייך קאָנען ליב האָבן, נישט בלויז אייך, אָט די, וואָס מ׳זעט, נאָר די וואָס מ׳זעט נישט, וואָס מ׳פילט — די נשמה! אזוי ווי איך, מיין הארץ. ס׳בעסטע וואלט געווען קיין אמעריקע פארן. א סך יידן זיינען דארט, מישט מען זיך אויס, גיסט מען זיך איבער...

קוואַקע: (אָנגעטון אין א גרין סאמעטן קלייד. מיט א ווייסן זיידענעם שאל אויף די אקסלען, טראגט א גרויס ליכט און א מחזור) ס׳זעט? דאָ זיצט זי, די שמדניצע, גייסט טאקע נישט אין שול ארייַן?

רייזל: ניין!

קוואַקע: (מער צו זיך) דאס יידישקייט וועט זי נישט אויסהאלטן, א שמדניצע... (שרייט אריין אין דער טיר) זשאפע! עליא! מיידן, ברענגט אריין דאָס זאמד בלעכל, מיידן!

רייזל: (צום בלאָנדן) נו, שרייב, וואָס קלערסטו? שרייב צו, אז זיי זאָלן נישט פארגעסן אין דער מצבה, אז ס׳וועט פעלן געלט, וועל איך נאָך שיקן. מ׳זאָל פאָטאָגראפירן דעם טאטנס קבר און מיר שיקן די פאָטאָגראפיע. געשריבן?

בלאָנדער: (שרייבט, שמעלט זיך אָפּ, קלערט און שרייבט ווייטער) יא, געשריבן.

די אָדעסערין: (א קורץ און דיקלעך מיידל, געשוירן די האָר ווי ביי א יינגל, שטארק געפארבט דאָס פנים, אָנגעטון אין א ראָז קלייד

מיט ווייסן פוטער געפוצט, קומט אריין דורך דער טיר לינקס, טראָגט א בלעכל אָנגעפילט מיט זאמד) דאָ אָ וועט מען אָנצינדן דאָס ליכט, מאַדאַם?

קוואַקע: יאָ, דאָ, אויפן טיש, וועט עס לייכטן, זאָלן מיר האָבן א ליכ־טיק מזל, זיסער גאָט אין הימל! (שטעלט אוועק דאָס זאמד בלעכל מיטן אריינגעשטעלטן ליכט אויפן טיש) שמדניצע, מעגסט אויפ־הערן צו שרייבן, "יאָרן קיפּער" — דיין מאַמע וויינט דאָרט אצונ־דערט ביים לעבט בענמשן...

רייזל: קוואַקעלע, וואָס דיר אוים ס'מויל, איידער דו דערמאָנסט מיין מאַמע, — שרייב לאַנדסמאַן!

אַדעסערין: דו גייסט טאַקע נישט צום דאַוונען, רייזל? אַזאַ הייי־ליקער טאָג! אוי וויי איז מיר ניט!

רייזל: כ'גאַנווע נישט און פּאַסט נישט! — שרייב אונטער מיין נאָ־מען: פון מיר דיין טאָכטער רויזע.

קוואַקע: הער נאָר דו, קיגעלע, שוין גענוג דיר שרייבן, דאָ איז א יידישע שטוב.

בלאַנדער: (אין פאַרלעגנהייט צו רייזלען) וועל איך אָנשרייבן דעם אדרעס און אוועקטראָגן אויף דער פּאָסט, איידער מ'פאַרמאַכט...

רייזל: אז דו ווילסט, ייגעלע, גיי, שפּעטער קום צו, אז דו ווילסט.

קוואַקע: היינט נישט, לאַנדסמאַן, ס'וועט זיין פאַרמאַכט.

רייזל: איך גיי נישט אין ערגעץ, קאָנסט קומען, אז דו ווילסט.

בלאַנדער: היינט וועל איך וואַנדערן איבער די שולן, איך ווייס נישט נאָך וואָס, נאָר אין האַלדז צאַפּלט א ניגון. אזוי בין איך צוגעוואוינט. אין דער שעה פאַר כל נדרי... דאָס שטעטל אונדזערס אין פוילן...

אַדעסערין: ביי אונדז אין אָדעס איז מען געפאָרן אויף קאָטשן זיך געזעגנען מיט טאַטע־מאַמע און קרובים, מיט אלע האָט מען זיך איבערגעבעטן, מיט אלע.

בלאַנדער: דאָס האַרץ ווערט איבערגעגאָסן מיט א בענקשאַפט. איר פילט גאָרנישט, ראָזאַ?

רייזל: וואָס איז דאָ וואָס צו פילן? גיי, מ'וועט פאַרמאַכן די פּאָסט.

קוואַקע: א געשמדטן האַלדז האָט זי, זאָל זי פילן?

בלאַנדער: נו, גיי איך און וועל נאָך צוריקקומען. (גייט ארוים מיטן בריוו אין האַנט.)

הלף: (אָנגעטון אין אַ נייעם האַרטן קאַפּעלוש, א האַרטן ווייסן קאָל־נער מיט א ווייסן קראַוואַט אין וועלכן ס'בליצט ארוים א גרויסע

בריליאַנטענע שפּילקע. אַ פראַק און גלע שיך, — ער פילט זיך נישט שטאַרק באַקוועם אין דער הלבשה... טראָגט אַ פּעקל קור־צע ליכט, אַ מחזור און אַ גרין טלית־זעקעלע. ר'קומט אָן פון דער גאַס־טיר) איז מען שוין פאַרטיק? ס'איז שפּעט, די צייט שטייט נישט די זון זעצט זיך שוין, אַ סוף, איז מען פאַרטיק?

קוואַקע: אזא שמדניצע, וויל נישט גיין צו כל־נדרי!

חלף: וואָס אַרט דיך, קוואַקע, — מ'וועט דיך שמייסן פאַר אירע עבירות?

קוואַקע: הערזשע רייזל: אז דו ווילסט נישט גיין אין שול אַריין, זאָלסטו צושפּאַרן די טיר. אָדעסערין, זאָג זיי דאָרטן, דער רויטער און דער זשאַפּע, זיי מעגן גיין שפּאַצירן, מ'וועט היינט גאָרנישט טון (אָדעסערין גייט אַרויס. ס'קומט אַן סטאַרע, אָנגעטון אין אַ ווייסן אַנצוג).

סטאַרע: בערנאַרדאַ, ס'איז שפּעט, אַלע זיינען שוין געפאָרן אין שול. דער רבונו של עולם האָט אויסגעליידיקט דאָס "געסל", ווי ביי מיר די קעשענעס... ענג וועט זיין אין שול דעם אָטעם נישט צו כאַפּן. הלואי העלפט מיר אַזוי גאָט מיט אזעלכע "סבאָרן".

חלף: אויף וועמען וואַרט מען? אויף איר וואַרט מען? אז זי האָט גאָר קיין לעבט נישט געבענטשט.

סטאַרע: בענטש לעבט, קוואַקע, איך וועל אַ קוק טון אין דער ראָלע. כ'קאָן נאָך די פראַזע נישט פון היינטיקן דאַווענען...

קוואַקע: נאָך דאָ צייט.

סטאַרע: ס'איז שוין דער צווייטער קלונג. וואָס זיצטו אַזוי וואַכע־דיק, רייזעלע?

רייזל: וואָס פאַר אַ יום־טוב איז אויף מיר?

סטאַרע: דו גייסט נישט?

קוואַקע. אין טומאה אַריין וועט זי גיין. ס'איז אַ שמדניצע! דער טאַטע וועט איר נאָך צו חלום קומען, וועט זי וואָרנען... אַ יידיש קינד זאָל נישט גיין צו כל־נדרי אין שול־אַריין? (די פּראַנצוויזן און די יאַפּאַנערין קומען אַן פון דער טיר פון לינקס, די פראַנצויזן — אַ דיפּלעבעץ, אַ ווייכע אויפן פּנים מיט רויט־גאָלדענע געפאַרבטע האָר, אַרומגענומען מיט אַ גרינעם באַנד אויפן שטערן. אָנגעטון אין אַ גרין זיידן קלייד, גרינע שיך און זאָקן. די יאַפּאַנערין, אַ נידערי־קע און אַ דינע, קרומע אייגעלעך. אָנגעטון אין אַ געבלומטן שלאָף־ראָק, שטעק־שיך, איז נישט צוגעקעמט. די אָדעסערין קומט מיט).

פראנצויזין: מאַדאַם היינט איז אַ פּיעסטע?

קוואַקע: יאָ. די טיר זאָל זיין פארשלאָסן!

פראנצויזין: (הענגט זיך אָן דער יאַפּאַנערין אויפן אַקסל און שפרינגט אונטער) זשאַפּע, אַ פּיעסטע. וועט מען גיין אויף די אוועַנידע.

יאַפּאַנערין: ניין, ס׳איז היינט דאָ אַ צירק.

פראנצויזין: ניין, אין דער רולעטע. האָסט געלט?

אדעסערין: קומט בעסער צו אונדז אין שול אריין.

קוואַקע: וואָס וועלן זיי טון אין שול?

סטארע: זינגען, וועלן זיי הערן.

פראנצויזין: ווי אין טעאַטער?

סטארע: נאָך בעסער. ס׳איז דאָ אַ כאָר פון קליינע יינגעלעך. דו האָסט דאָך ליב צו הערן קליינע יינגעלעך זינגען?

יאַפּאַנערין: יאָ, יאָ, ס׳איז דאָך דער קלוב, אלע פון געסל זיינען געפאָרן, ווי שיין זיי זיינען געווען אָנגעטון!

פראנצויזין: מען טאנצט אויך?

חלה: אַ שוואַרץ יאָר אויף איר הויקער, טאַנצן גאָר...

סטארע: גייסטו טאַקע נישט, רייזעלע?

רייזל: ניין!

סטארע: וועט אָן דיר אויך זיין אַ מנין. אָבער אין טעאַטער אריין וועסטו קומען מאָרגן?

רייזל: לאָמיר נאָר דערלעבן!

סטארע: איך אליין ברענג דיר אַ לאָזשע, איינע אליין וועסטו זיצן אין אַ לאָזשע, ווי אַ פּריצה, אויף מיר אַזאַ יאָר. ווען איך האָב אַזאַ ווייב, ווי דו, רייזל, מאַך איך אמעריקע. די ערשטע דאַמע וואָלסטו ביי מיר געווען אין דער טרופּע, גיט אַ קוק אַ פיגור! ס׳איז דאָך, אַ פּנים, דאָ עפּעס צו ווייזן אויף דער בינע. הערסט, רייזל, אין טעאַטער מעגסטו קומען, דרייסיק נומערן געזאַנג, ער מעג אויך קומען דיין בלאָנדער אַזוי פיל גוטע יאָרן מיר אלע, וואָס זיינען דאָ, האָבן, וויפיל וויטישע ס׳קומען, ווען איך שפּיל.

חלה: אַ בראַנד וואָלט איך זיי אריינגעלאָזט, נישט אין טעאַטער. אנגעמעלטן האָבן זיי, די וויטישע, געשפּילט אַ שטיק, וואָס איז מיר געפעלן. פארמאַך איך די קליימ, נעם ס׳ווייב און טאָכטער און גיי צו, ביי דער טיר שטייט אַ סמאַרק — אַ פּעקל־קלאַפּער און לאָזט מיך נישט אריין. כ׳האָב אים געוואָלט איינמעלדעווען, אז דאָס רויטע

דם זאָל זיך שפּריצן. נאָר ווערט ער ראָד געבראָכן. א קוואָרט בלוט ווען מ'צאַפּט פון מיר, וואָלט איך ליבערשט פאַרנומען. ס'איז דאָך מיר געווען א שאַנד פאַרן קינד. וואָס בין איך, א חברה־מאַן? איך שטיי נישט מיט קיין קלייט? כ'בין נישט אזא שיינער ייד, ווי זיי? כ'בין נישט קיין קאָמערציאַנט? האָסט עפּעס צו מיר — קאָן מען זיך פאַרהערן אין עברי; אָבער אז איך קום מיט א קינד, א טאָכטער — כ'האָב דען נישט באצאָלט פאַר די בילעטן גלייך מיט אלע?

קוואַקע: ערגער ווי די גוים!

אַדעסערין: ביי אונדז אין אָדעס איז גאָר נישט געווען קיין חילוק, אז מ'האָט געשפּילט טעאַטער, איז גאַנץ מאָלדאַוואַנקע געגאַנגען.

חלה: ווער זיינען זיי? באַנק־קוועטשערס, מקוה־יידן, ווי ביי אונדז אין לאָדז? טפו, קלעק וואָלט איך אויף זיי געשפּיגן, ווען נישט מיין טאָכטער, קלעק וואָלט איך געשפּיגן!

רייזל: וואָס האָסטו מורא פאַר דער טאָכטער, זי וועט נישט קריגן קיין חתן?

חלה: פאַרוואָס זאָל זי עפּעס נישט קריגן? א קאַליקע איז זי? זי וועט דאָך ביי מיר נישט זיין קיין בלאָטע!

רייזל: ס'פּאַסט איר נישט?

חלה: וואָס זאָגסטו! (לאָזט זיך צו איר מיט די פויסטן) די גהירן, די געהירן, שפּאַלט איך דיר, דו פאַרפוילטע, דו!... (סטאַרע רייסט אים אוועק פון איר).

סטאַרע: דאָס איז דער ערב יום־כפור ביי דיר?

חלה: א כפּרה, אזא בליאַדע. מיין טאָכטער? אומעטום נעם איך זי מיט. פון אַלצדינג ווייסט זי.

קוואַקע: א געלערנט קינד, זאָל איך מיר שוין האָבן אזא יאָר! לייענט און שרייבט אויף וואונדער צו קוקן.

חלה: אז כ'וועל נישט געפינען עפּעס א רעכטן חתן, בין איך א טאַטע און זי קאָן ביי מיר פאַרפוילט ווערן אן אַלטע מויד!

קוואַקע: (צינדט דערוויי א ליכט, נעמט צונויף די הענט פאַר די אויגן. חלה מישט אויף דאָס מחזורל און זאָגט מיט איר. זי זאָגט נאָך) — ברוך אתה ד' אלהינו...

חלה: אזא פאַרפוילטע. אזא. לאָמיר זיך אויסבעטן א גוט יאָר, א גליקלעך יאָר (וויל וויינען, שטאַרקט זיך. די קוואַקע וויינט שוין אויפן קול און קושט זיך מיט אלע).

סטאַרע: נאָר געזונט און פּרנסה, — דאָס איז דאָך דער עיקר ביים

מענטש.

קוואַקע: זאָלסט האָבן נחת פון דיין טאָכטער, בערנאַרד, זי זאָל שוין האָבן אַ בעסער מזל ווי מיר. (צו דער אַדעסערין) דו אויך, מיידל, גאָט זאָל דיר העלפן, זאָלסט אַ היים פאָרן, ווי דיין האַרץ ווינטשט.

אַדעסערין: אמן!

(רייזל איז שוויינגדיק און פאַרטראַכט. ס'קומען אַריין: די פראַנצויזין און יאַפּאַנערין, אַנגעטון צום שפּאַציר. קוואַקע קושט זיך מיט זיי אויך).

פראַנצויזין: מיר גייען שפּאַצירן אַז ס'איז אַ פּיעסטע. (גייען ביידע אַרויס).

חלה: נאָך פּאַראַן עליות צו פאַרקויפן, לאָמיר גיין! לאָמיר גיין! (גייען אַרויס, מיטנעמענדיק די טליתימלעך, נישט אָנגעצונדענע ליכט און מחזורימלעך. רייזל בלייבט זיצן אויפן טיש פאַרטראַכט צום ליכט. דאָס פּנים ווערט בלאַס, די אויגן אָנגעפילט מיט טרערן: ענדלעך גיט זי אַ פּראַל אויס אין אַ געוויין, וויינט הויך און לאַנג, צורפּרעסנדיק איר שטערן צום טיש, איבער וועלכן עס טאַנצט דאָס נאָר וואָס אָנגעצונדענע פייערל. דאָס הינטעלע באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל. די פראַנצויזין און יאַפּאַנערין קומען צוריק אַריין מיט געלעכטער, נאָר זעענדיק רייזלען וויינען, בלייבן זיי שטיין דערשטוינט און דערשראָקן)

פראַנצויזין: וואָס וויינסטו, ראָזיניאַ?

יאַפּאַנערין: ס'איז אַ פּיעסטע ביי זיי, ביי די רוסאָס, וויינט מען.

פראַנצויזין: אַ פּיעסטע, נו, דאַרף מען וויינען? דאַרף מען דאָך טאַנצן מאַכן אַ באַילע... (לאָזט זיך אַליין אין אַ טענצל)

יאַפּאַנערין: אפשר איז אזא יום טוב, וואָס מען וויינט? זעסט דאָך, ס'ברענען ליכט.

פראַנצויזין: ס'איז אייער "דיאַ דאָס פינאַדאָס"? מ'גייט צו די טויטע? אין פּאַריז וויינט מען נישט, אפילו די מאַמע שטאַרבט, וויינט מען נישט. (לאָזט זיך ווידער אַליין אין אַ טענצל און זינגט זיך אונטער:

"אַ פּאַריז
אַ פּאַריז! — — —"

(פּויזע. פאַרקוקט זיך צום ליכט, שווייגט.) ראָזיניאַ, ס'מוז זיין גוט צו וויינען, ס'ווערט גרינג ביים האַרץ?

רייזל: גרינג? אז ס'איז דאָ פאַר וועמען צו וויינען...

פ ר א נ צ ו י ז י ן: איך האָב פאָר וועמען, זעסט? א קרוז! (נעמט ארויס פון בוזעם א בריליאנטענעם צלם אָנגעהאנגען אויף א שנירל) איך גיי אין קירכע, גיי צום גלח. נאָר וויינען קאָן איך נישט, ער איז מיר אזוי אויך מוחל, דער פאדרע, אזא גוטער, (זינגט זיך טאנצנדיק

אָ פאריז,

אָ פאריז — — —!

(אין דעם מאָמענט הערט זיך שפילן הינטערן פענסטער א סערענאדע באגלייט פון גיטארעס און מאנדאָלין. די טענער מיט טרויער. די פראנצויזין און יאפאנערין שטעלן זיך אויפן הויכן בענקל, איינס דאָס אנדערע האלט ארומגענומען און קוקן ארויס דורך די לאַדן־שפארעס. רייזל בלייבט זיצן אויפן טיש נאָנט פון ליכט און פארטראכט זיך. די ווערטער פון דער סע־רענאדע גיסן זיך קלאָר.)

...עס לעשט זיך ס'צעגאָסענע גאָלד אויף די שויבן,
עס צינדן זיך אָן די מאט־ווייסע לאמטערן:
עס זילבערט אראָפּ די לבנה פון אויבן —
עס ציטערן שטראַלן אין בליץ פון די שטערן.

נאָר דו האלסט דיין פנים אין חושך געטוליעט,
און טונקסט דיינע בליקן אין פינצטערע פארבן:
קום ס'האָט זיך מיין יונג־בלוט אין מיר היים צעהוליעט,
קום, איידער די קלאנגען אויף מיינע הענט שטארבן!

עס לעשט זיך ס'צעגאָסענע גאָלד אויף די שויבן,
עס ציטערן שטראַלן אין בליץ פון די שטערן.
עס בענקט מיין גיטארע, ווי ס'וואָרקן פון טויבן —
עס ציטערט מיין קול, ווי געבאָדן אין טרערן.

טאָ רייס אויף די אויגן, מיין זיסע געטרוימטע,
די נאכט רופט מיט טויזנט צעצונדענע פארבן:
קום, ס'זינגען די גאסן צעטאנצטע, צעשוימטע,
און ס'לאכט אין סקעלעט דער צעפאלענער שאַרבן...

די נאכט רופט מיט טויזנט צעצונדענע פארבן,
און איך — מיט מיין ליבע, מיין האַרץ, און כוונה:
קום ס'וועט זיך דיין פנים ס'צעקנייטשטע אין קארבן
אָנגיסן מיט שיין פון דער בלייכער לבנה...

— — — — — — — — — — — — — —

פראנצויזין: אָ, ווי שיין!
יאפּאנערין: ס'איז א שפּאנישער מאַטראָז און נאָך צוויי וואַגאַ־בונדן. זע, זיי קלאַפּן אין דער טיר!
יאפּאנערין: זיי רייסן זיך אריין! (הינטערן פענצטער הערט זיך א גראָב און שכור לאַכן, מען קלאַפּט אין פענצטער און מ'רייסט אין דער טיר.)
פראנצויזין: לאָז ניט אריין, אַז די מאַדאַם האָט פארוועט, א סאַנ־טא דיאַ! (די טיר ווערט אויפגעריסן. דריי מאַטראָזן פּאַקן זיך אריין — איינער טראָגט א מאַנדאָלין צוויי — גיטאַרעס. ביידע מיידלעך פארשטעלן זיי דעם וועג)
יאפּאנערין: היינט נישט, יינגלעך, היינט נישט!
1־טער מאַטראָז: וואָס עפּעס נישט? מיר מאַכן נישט קיין אוועג־מורעס. (רייסט זיך דורך)
פראנצויזין: (פארהאַלט די איבעריקע צוויי דעם וועג) וואָס קריכט איר, אַז מען זאָגט אייך: היינט נישט!
2טער מאַטראָז: ביזט רויטער ווייַן!
3טער מאַטראָז: פון ריינעם גאָלד, מיר ווילן נאָר קוקן. (ביידע רייסן זיך דורך)
פראנצויזין: א סאַנטא דיאַ איז, וואָס שטופּט איר זיך?
2טער מאַטראָז: א ליכט! קאנדעליאַברעס, וואו איז דער גע־שטאָרבענער?
3טער מאַטראָז: וועט מען ברענגען בלומען!
פראנצויזין: ס'איז קיינער נישט געשטאָרבן, א סאַנטא דיאַ איז דאָ היינט, א פּיעסטע אַזאַ. (שטויסט זיי) נו, גייט אייך!
רייזל: זאָלן זיי בלייבן! וואָס פאַר א יום טוב? איר האָט עס גע־שפּילט און געזונגען?
1טער מאַטראָז: מיר. אַן אמתע קאַסטיליאַנער סערענאַטע.
פראנצויזין: אָ, ווי סענטימענטאַל!
2טער מאַטראָז: (קוקט מיט אַן אויגל צו דער טאָץ מיט די ליידי־קע גלעזלעך) סענטמענטאַל... מען פאַרט גאַנצע יאָרן אויפן אָקע־אַן, די כוואַליעס פּאַטשן אין די סטאַלגנע ווענט. די שטריק פון די מאַסטן זיינען אָנגעצויגן און ציטערן ווי סטרונעס אין א באַס, וואָס איז מיר סענטימענטאַל? לאָמיר בעסער סערווירן א קאָניאַק.
פראנצויזין: היינט נישט, ס'איז א סאַנטא דיאַ.
2טער מאַטראָז: ווען דען? מאָרגן פאָרט מען שוין אוועק.

ר י י ז ל: זשאפע, דו ווייסט דאָך, וואו די מאדאם האָט די געטראנקען?
י א פ א נ ע ר י ן: כ'ווייס.
ר י י ז ל: ברענג זעקס גלעזלעך.
2 ט ע ר מ א ט ר אָ ז: גרויסע טאָפּעלע!
(יאפּאנערין נעמט די טאַץ, גייט ארויס)
ר י י ז ל: היינט געקומען?
1 ט ע ר מ א ט ר אָ ז: היינט מיט דער "קארוניא", א מולטער איז עס, נישט קיין שיף, דרייסיק טעג שלעפּט עס זיך פון שפּאניע. (יאפּא־נערין קומט אריין מיט דער טאַץ, אויף וועלכער עס שטייען זעקס אָנגעגאָסענע גלעזלעך, יעדער נעמט צו איינס.)
פ ר א נ צ ו י ז י ן: סאלוט!
1 ט ע ר מ א ט ר אָ ז: וויוו לא פראנס!
א ל ע: וויווא!!! (טרינקען)
1 ט ע ר מ א ט ר אָ ז: (כאפּט רייזלען צו זיך אין שויס) ביזט אזא שיינע.
ר י י ז ל: כ'געפעל דיר?
י א פּ א נ ע ר י ן: לאָמיר טאנצן! איר קאָנט שפּילן אויף פּיאנע?
3 ט ע ר מ א ט ר אָ ז: איך קאָן, בין פּיאניסט פון ערשטן קלאַס. (זעצט זיך צו דער פּיאנע, פּרואווט זי אויס)
2 ט ע ר מ א ט ר אָ ז: לאָמיר איבערהזרן מיט נאָך א קאָניאק!
פ ר א נ צ ו י ז י ן: ניין, יונגער. דאָ טאָר מען נישט שיכורן, אנו, שפּיל:
אַ פּאריז
אַ פּאריז! — — — —
(כאפּט טאנצן דעם צווייטן מאטראָז)
3 ט ע ר מ א ט ר אָ ז: א פאקס־טראָט. (טאנצט מיט רייזלען, מאַכן פּאר־שידענע הועיות ביים טאנצן, די יאפּאנערין טאנצט אליין מיטן הינטעלע)
3 ט ע ר מ א ט ר אָ ז: באסטא, באסטא, באסטא! (הערט אויף שפּילן, הערט מען אויף טאנצן).
1 ט ע ר מ א ט ר אָ ז: (זעצט ווידער רייזלען אויף זיין שויס) אז דו ווילסט, קאָנסטו מיטפאָרן קיין בוענאָס איירעס. ס'וועט דיר גאָר נישט קאָסטן.
ר י י ז ל: א דאנק דיר, קאמפּאניערא, ס'איז מיר דאָ אויך נישט שלעכט.
(די פראנצויזין פּאררויכערט א ציגארעט, בלאָזט דעם רויך דעם הינ־טל אין אויער אריין)

1טער מאטראז: (קעמט רייזלס האר מיט זיינע פינגער) אויף מיין וואָרט, איך נעם דיך מיט קיין שפאניען, דער קעניג אלפאנסא וועט זיך אין דיר איינליבן, אויף מיין וואָרט.

רייזל: א דאנק. ס'איז מיר דאָ אויך נישט שלעכט. כ'בין דען נישט קיין קעניגין?

1טער מאטראז: נאָך בעסער.

רייזל: וואָס האסטו דאָ אין קעשענע? א רעוואָלווער?

1טער מאטראז: (נעמט ארויס פון קעשענע א רעוואָלווער) יאָ, א רעוואָלווער איז עס.

רייזל: אנו, ווייז, (נעמט דעם רעוואָלווער אין האנט) ר'איז אָנגעלאָדן? (באטראכט עס)

1טער מאטראז: יאָ, אָנגעלאָדן.

רייזל: אז מ'וויל שיסן, גיט מען דאָ א ציִ?

1טער מאטראז: יאָ, ביי דעם צינגל גיט מען א צי.

פראנצויזין: ראזיניא, לייגט אוועק דעם געווער. איר ווייסט נישט, סעניאָר, אז דאָ טאָר מען נישט אריינקומען מיט געווער?

1טער מאטראז: איך צעשייד זיך קיינמאָל נישט מיט דעם. אין מאַראָקע בין איך שוין געווען מיט דעם רעוואָלווער.

פראנצויזין: אז איר צעשיידט זיך נישט מיטן רעוואָלווער, טאָ צעשיידט זיך מיט אונדז, באצאָלט פארן געטראנק און גייט ארויס!

1טער מאטראז: (סטראשעט מיטן רעוואָלווער, צילט זיך צו דער פראנצויזין) היינט באצאָלט מען נישט, אז ס'איז א פיעסטע. — קומט, קאָמפאניעראָס!

פראנצויזין: איר וועט יאָ באצאָלן, יונגען. זשאפע, גיי רוף א פאָליציסט.

1טער מאטראז: כא־כא־כא! א פאָליציסט! איך בין א מאַרינעראָ פון קייזערלעכן פלאָט.

2טער מאטראז: מיר מאכן נישט קיין אווענטורעס. איך לאָד איין אין קלוב טאנצן.

פראנצויזין: צום ערשט באצאָלט פארן קאָניאק.

1טער מאטראז: קאָניאק?... א ביסל רייסנדיקע קאפע, איך קאָן זיך שוין אויף דעם...

2טער מאטראז: וויפיל קומט?

פראנצויזין: צוועלף טאָלער.

2טער מאטראז: נאט אייך פופצען, אויף קאפע פאר די באלעבאס־

טע, אויב זי איז נישט געפגרט. מיר זיינען נישט קיין אוואנטורניקעס.

1טער מאטראז: איך וואלט נישט באצאלט, אז מען באליידיקט א מאטראז פון שפאנישן פלאט... אין מאנטעווידעא האט מען זיך געשאסן אין די גאסן פאר אזא זאך...

2טער מאטראז: (כאפט רייזלען, קושט זי) אט פאר איר צאל איך א גוטע וועטשערע אין קלוב. א גאנצע נאכט מוז זי טאנצן מיט מיר.

יאפאנערין: איך גיי נישט, כ׳מוז דא אין הויז בלייבן.

2טער מאטראז: איז אן דיר, נא, נא דיר נאך א פינפערל (גיט איר א פאפירל) וועסטו האבן אויף באנבאנעס.

פראנצויזין: דו גייסט מיט די וואגאבונדן, ראזיניא?

רייזל: יא, (טוען זיך אן היט און ווייסע פוטערנע קאלנערס. פלוצלונג — א לייכטער קלאפ אין טיר, און ס׳קומט אריין דר. סילווא, אנגעטון אין העל־קרעם־אנצוג.)

רייזל: (עפעם ווי פארלוירן) א — — — סעניאר! — זשאפע, טו זיך אן, גיי דו מיט זיי. איך וועל דא בלייבן מיט דעם סעניאר.

2טער מאטראז: איז אן דיר. קאנאליע! א סאנטא־דיא איז היינט... גנבישע שטיקלעך, (כאפט די פראנצויזין) צאל איך דיר שאמפאניער, ביזט רויטער וויין, גאלדענער וויין! (די פראנצויזין און יאפאנערין שמייכלען זיך איבער ווינקענדיק אויף רייזלען, יאפאנערין טוט זיך אן, אלע גייען ארוים, דער 2־טער מאטראז בורטשעט אונטער)

רייזל: ...זיצט דאקטאר. כ׳האב נישט גערעכנט, אז איר וועט היינט קומען, (טוט זיך אוים דעם הוט און שפילט זיך מיטן טויטן חיה־קעפל פונם קאלנער) א קאניאק וועט איר טרינקען?

סילווא: ניין, א דאנק. און איך האב נישט גערעכט זיך אייך דא צו טרעפן, דאנא ראזיטא.

רייזל: פארוואס?

סילווא: ס׳איז א הייליקער טאג ביי אייך.

רייזל: איר ווייסט עס?

סילווא: ״דיא דע פארדאן״ — כ׳בין זיכער געווען, דאנא ראזיטא, אז כ׳וועל אייך היינט ניט טרעפן; בין איך אוועק אין אייער קלוב, אין סינאגאגע. האט מיר אייער פאטראנא געזאגט: איר זיינט נישט געקומען. זייר בעט נישט, דאנא ראזיטא?

רייזל: ניין!

סילווא: ס'איז הערלעך דאָרטן... א וועלט פון לויטער הייליקייט: ליכט, טרערן און יאָמער.

רייזל: (שווייגט, פויזע).

סילווא: נאָך קיינמאָל האָט מיך נישט ארומגענומען אזא געפיל פון צארטקייט און רחמנות. א וואונדערלעכע וועלט אין אייער סינאַ־גאָגע... די מיידלעך, די פרויען — ווייסע, ווי מלאכים. אך, דאָס וויינען!... שטיקער הארץ רייסט עס מיט. ביי אונדז א יום־טוב — פארברענגט מען אין די קלובן ביי שאמפאניער און טענץ. און דאָ — אזא ווייסקייט, אזא הייליקייט. ליכט און טרערן — נאָר... איר זיינט צעטראָגן און בלייך. איר האָט יאָ געדארפט גיין. עס קילט און גלעט דער נשמה מיט אזא שטילער ווייכקייט. — — —

רייזל: איך האָב נישט וואָס צו טון דאָרטן: ס'איז מיר דאָ אויך נישט שלעכט

סילווא: ס'איז אָבער דאָ א גאָט. ס'איז זיכער דאָ א גאָט, וואָס באַ־ווייזט זיך צווישן געפייניקטע און באליידיקטע. אָט וויינט מען דאָך דאָרטן. וואָס זיינען טרערן? א צעשמעלצונג פון גאָטס אָטעם, דער־פאר ווערט גרינג, ווען מען וויינט זיך אָפּ.

רייזל: יאָ. איך האָב טאקע אויך ערשט געוויינט דאָ ביים ליכט, כ'האָב זיך דערמאָנט אין מיין מאמען, אָבער ס'איז גאָרנישט גרינגער געוואָרן. — — — — — —

דר. סילווא: ...אָבער אנטשולדיקט, דאנא ראזיטא, איך לאָז אייך נישט אויסריידן... איך בין איצט געקומען, איר זאָלט באשליסן וועגן דעם וואָס מיר האָבן גערעדט... איר פארשטייט, ווען איר שטימט איין מיט מיר צו גיין וואוינען...

רייזל: אויף "לינק"?

דר. סילווא: נישט אזוי ווי זיי... ווי די אנדערע, נאָר אויף אן אמת, אלס מיינע. ביי מיר אין הויז. ס'וואָלט פאר מיר געווען א גרויס גליק. א גאָר גרויס גליק!

רייזל: (צעלאכט זיך היסטעריש).

דר. סילווא: כ'בין אפשר נישט אין די יאָרן, וואָס איך זאָל קאָנען מיינע געפילן זאָגן פּאָעטישער, אָבער טיף דאָ...

רייזל: (לאכט אלץ).

דר. סילווא: בארואיק זיך, טאָכטער, זעץ דיך, (זעצט זי מיט גע־וואלד אנידער אויף א שטול, ער שפּאנט הין און צוריק איבערן זאָל)

רייזל: יאָ, דאָקטאָר, איר פארשטייט... ס'איז שווער אָנצונעמען... איר ווילט טון א גוטע זאך... (צעלאכט זיך ווידער)

דר. סילווא: ראזיטא — — —

רייזל: מיך ארויסנעמען. איר מיינט ס'איז שווער אליין ארויסצוגיין? מ'גייט אוועק און פארטיק. ווער וועט מיך טשעפּן? אָבער ס'איז שווער צו וועלן. א גוטע זאך ווילט איר טון, איר פארשטייט (די שטים שטיקט זיך, פארגייט זיך אין א געוויין.)

דר. סילווא: אָרעמע! (גלעט איר קאָפּ) אָרעמע! ס'וועט זיין מיין מיר פריי פאר דיר גיי מיין הארץ. דיין ארויסגיין ווי דיין אריינקום.

רייזל: איך בין א יידישע, נישט קיין "רוסא" און נישט קיין "פּאָלאקא". נאָר א יידישע...

דר. סילווא: איך ווייס. פון אזא געהייליקטער אין זינד, ווי דו, איז יעזוס געבוירן געוואָרן... דו ווערסט איבערגעגאָסן פון איין פאָרם אין אן אנדערע, דיין הארץ איז פריי פאר די פארלאנגען פון דיין נשמה.

רייזל: גיי איך, דאָקטאָר! איך קאָן שוין מער נישט נארן מיין מאַמען, נו, דאָקטאָר מיין מאמען וועל איך אויך קאָנען ברענגען?

דר. סילווא: נו, געוויס.

רייזל: נו, גיי איך, (וויל קושן זיינע הענט, ער לאָזט נישט; פאלט זי אויף די קניען, ווארפט איר קאָפּ אין זיין שוים און וויינט)

דר. סילווא: אָרעמע, אָרעמע, פון אזא געהייליקטער אין זינד איז אויך יעזוס געבוירן געוואָרן. און אז דו ווילסט, קאָנסטו נאָך היינט גיין מיט מיר, נאָך אצונד אז דו ווילסט.

רייזל: יאָ, איך גיי, שוין גיי איך (וויל נאָכאמאָל קושן זיינע הענט, לאָזט ער נישט, טוט זי זיך אָן דעם הוט, קומען אָן די יאפאנערין און פראנצויזין)

פראנצויזין: וואוהין דאָס?

רייזל: זאָלסט זאָגן דער מאדאם, אז איך דארף זי פאר א כפרה... איך גיי וואוינען מיטן דר. סילווא. כ'וועל שוין מער נישט קומען. מיינע זאכן מעג זיך נעמען די רוסא. די וועשׂ, די קליידלעך, כ'דארף אלץ אויף כפרות... דו, עליא נעם "לילי'ן", (רופט) לילי! ("לילי" קומט צולויפן, כאפט זי עם און גיט עם דער פראצויזין) זאָלסט עם וואַשן און באָדן, און קעמען אויך!

יאפאנערין: ראזאלא! (ווארפט זיך ארויף אויף רייזלס האלדז, וויינט און קושט איר... דאָס אייגענע טוט די פראנצויזין, דר. סילווא פירט

ארויס רייזלען אונטערן אָרעם,ביידע מיידלעך לויפן צו צום פענצ־טער, עפענען אויף די לאָדנס און שרייען ארויס: אדיאָס! אדיאָס!)

פראנצוויזין: אזא שווארצער רוח, אזא מיאוסע זאך...

יאפאנערין. ר'איז א רייכער מאן, וועט זי האָבן א סך בריליאנ־טן!... (שרייען) אדיאָס! אדיאָס!

(דורך די אָפענע פענצטער פראלט אריין א זשומעריי פונם געסל, טענער פון אויטאָמאַטישן שפיל־קאסטן, פון קענגאיבער אין קאפע־הויז, א רויש און שושקן פון שטימען, און פון ער־געץ ביי אן אנדער פענצטער הערט זיך זינגען די פריערדיקע סערענאדע, אָבער אָפגעריסן און צעפיצלט. — די מיידלעך לאכן הויך און טרוקן אין "געסל" אריין און זינגען מיט)

...טאָ רייס אויף די אויגן, מיין זיסע געטרוימטע, —
די נאכט רופט מיט טויזנט צעצונדענע פארבן:
קום ס'זינגען די גאסן צעטאנצטע, צעשוימטע
און ס'לאכט אין סקלעט דער צעפאלענער שארבן!

— — — — — — — — — — — — — —

(פאָרהאנג)

ווייטע פּאָעמעס

צווייטער אקט

אין דער וואוינונג פון ד״ר סילווא. — א סאלאן, גרויסע און אסך בילדער אויף די ווענט. גלייך צוויי פענצטער צו דער גאס. פארנאכט. די לעצטע טאג־שיין לעשט זיך אוים אויף די שויבן. ד״ר סילווא אנגעטון ווי צום אוועקגיין. ארום אים ביידע דע־לעגאטן, בכבודיקע יידן: איינער מיט א ברייטער בארד, איי־נער בלויז מיט וואנסעס.. דער בלאנדער שפאנט ארום אי־בערן זאל הין און צוריק כאפט א ווארט און גייט ווידער.

ערשטער דעלעגאט: נישטא קיין אנדער דאגה, מיר בויען זיך דא. מיר זיינען געקומען זיך באבויען, וויל מען זיי נישט פאר שכנים. — קומט עפעס דערפאר?

צווייטער דעלעגאט: ווי א צרעת האבן זיי זיך צוגעקלעפט צו אונדזערע גופים. אונדזער גאס אווירט פון זייער אטעם וויל מען זיך אפרייניקן.

ערשטער דעלעגאט: קומט עפעס דערפאר?

צווייטער דעלעגאט: יידן זיינען זיי? איזראעליטן? מיר וויסן גארנישט נישט מיר קענען אזעלכע יידן!

ערשטער דעלעגאט: מאכן צערעמאניעס גייען מיט די ספרי תורות אונטער חופה שטאנגען איבער די גאסן, וואס זאגט מען: — ״די יידן!״

ערשטער דעלעגאט: מירן אייך צוהעלפן, דאקטאר, זאל ארוים א גזירה און מירן אויך אונטערהאלטן; מיר ווילן זיך נישט איינ־שווארצן. קומט עפעס דערפאר?

צווייטער דעלעגאט: זיי זיינען נישט קיין יידן, מיר ווייסן נישט פון אזוינע יידן, מעגן זיי גיין מיט ספרי תורות אין די גאסן מע־גן זיי בויען אן אייגענעם בית עלמין, אייגענע שולן האבן — קיין יידן זיינען זיי נישט.

דר. סילווא: זיינען זיי יא יידן, זיינען זיי נישט יידן, נו, סעניארעס, דעם קאנגרעס גייט עס נישט אן, זיי זיינען ווי א שווארצע קללה אויף אונדזער יונג גאלדיק לאנד, זאלן זיי זיין גרעקן, פראנצויזן, יידן, — די באוואוינער פון דאנען זיינען אזוי פארביק, ווי פארנאכט דער הימל איבער די בערג פון סאנטא טערעזא, און זאל עמיץ פון דער צונויפגעמישטער מאסע מיט איין פינטל וועלן פארטונקלען אונדזער הערב — דעם גלאבוס, דאן וועט ער געשטראפט ווערן מיט אלע גרויזאמקייטן וואס וואוינען אין די שורות פונם געזעץ.

בלאנדער. הער דעפוטאט! אייך און דעם געזעץ גייט עס נישט אזוי שטארק אן, פון וועלכן אפשטאם עס בויען זיך דא די ראבן. טייל־מאל איז דער געזעץ אזוי הארט און טרוקן, אז נישט האט און נישט רחמנות קאנען עטוואס אין אים צעשמעלצן; טיילמאל אבער איז ער אזוי מילד און גערעכטיק, אז ס'ווילט זיך אויף אים צעגלי־טן אייזן גיסן — שטארקער און הארטער צו מאכן. הער דעפוטאט! מיר זיינען געווילט פון אן ערדה, פון א קיבוץ, וואס וויל מיט ביי־דע פיס זיך דא אין לאנד אוועקשטעלן, ווילן זיך דא באבויען און באזעצן. איר קאנט אונדז נישט פארגלייכן צו פראנצויזן, צו גרע־קן; זיי זיינען אסך, זיי זיינען ברייט אין לעבן. אונדזער ערדה איז אומעטום צונויפגעטוליעט, אומעטום צונויפגעבונדן, מיר זיינען א מאסן־קנויל, וואס קאלערט זיך בארג ארויף, אדער בארג אראפ צו־זאמען. דעריבער דערפילן מיר די קלענסטע סכנה, וואס וואקסט אויס פאר אונדז. יידן אליין מוזן זיך היטן, ווייל פון אינווייניק און אויסווייניק לויערט תמיד עפעס פאר אונדז, מוז מען געווארנט זיין און גרייט זיך צו שיצן!

ערשטער דעלעגאט: אין די צייטונגען זיינען געווען געדרוקט בילדער, ווי זיי דאווענען אין טליתים יום־כפור. מיינען דאך די "היזיקע", אז זיי זיינען דאס אלע יידן... אין דער אמתן איז דאס דאך טמא, זייער שול זייער אלץ, וויל מען זיך דערווייטערן, זיי אפשטויסן. קומט עפעס דערפאר?

דר. סילווא: סעניארעס דעלעגאטן! נישט פון אייך בין איך בא־

וואויגן דערצו, נאָר פון אַן אינערלעכן אנזאג. מאָרגן ווערט מיין געזעץ דעם קאָנגרעס פאָרגעלייגט. מען קאָן אים אָננעמען, און מען קאָן אים אָפּוואַרפן. ס'איז געווענדט, אויף וועמענס געוויסן עס מאַגט די גערעכטיקייט; אָבער שטענדיק וועל איך זיין איינער פון די, וואָס וועט אויפהויבן מיין קול, — מיין יונג־גאָלדיג לאנד, מיין אַלטע פרייע היים פון די אָנגעפלויגענע ראבן צו היטן. (עס באווייזט זיך דער פּאָרטיער) און איצט וועט איר מיר מוחל זיין, מען וואַרט אויף מיר אין דער קאָנגרעס־קאָמיסיע, און פאַר אייער עולם וועל איך ריידן. יאָ, כ'וועל באשטימט ריידן (גיט זיי די האנט. ביידע דעלעגאַטן גיבן אים די הענט. גייען ארויס.)

ד ר. ס י ל וו א: איצט, מיין יונגער פריינט, אפשר וועסטו נאָך באַוויזן זיי ביים פּאָרט צו טרעפן. איך האָב שוין ביי דאָנא ראזיטא פארצייונג געבעטן, אייל זיך, אפשר זיינען זיי נאָך ביים פּאָרט. (גייט ארויס. מיט אים גייט נאָך דער בלאָנדער. באלד קומט אריין דער פּאָרטיער עפנט די טיר פאר צוויי דאמען, די פּרעזידענטין און וויצע, וועלכע קומען אריין רייך, אָבער אָן געשמאַק געקליידעט.)

פּ א ר ט י ע ר: די מאַדאַם וועט אוודאי באלד קומען, זיי זיינען אוועק צו דער שיף, איר מאַמע און פאמיליע זיינען געקומען פון אייראָפּע.

ע ר ש ט ע ד א מ ע: אזוי!

צ וו י י ט ע ד א מ ע: איר פאמיליע? איז די שיף שוין אריינגעקומען?

פּ א ר ט י ע ר: יאָ, מען האָט טעלעפאָנירט, מ'רעכנט אז זיי פארן שוין.

ע ר ש ט ע ד א מ ע: גוט, וועלן מיר וואַרטן (פּאָרטיער נייגט זיך, גייט ארויס).

צ וו י י ט ע ד א מ ע: א יידישע נשמה קאָן מען נישט שאצן: נעמט אַראָפּ אָרעמע קרובים — מן הסתם יידישע מענטשן, פרומע.

ע ר ש ט ע ד א מ ע: וואָס דען, קרוין? א קינד איז נישט קיין הונט (קוקט זיך ארום) אזא עשירות. אז גאָט העלפט, מען נעמט אַראָפּ משפחה אין אזאַ הייט איז אוודאי גוט.

ע ר ש ט ע ד א מ ע: פאר וואָס נישט? אז מ'האָט אזאַ מאַן? אוודאי געווען א דינסטמיידל, אָדער אזוי זיך ארומגעשלעפט...

צ וו י י ט ע ד א מ ע: די מענער זאָגן טאקע: מ'לאכט... ביי גוים טרעפט זיך. א ייד וואָלט זי נישט גענומען, — דאכט זיך, מ'גייט.

ע ר ש ט ע ד א מ ע: אזא פּראָסטע, זי קאָן זיך אפילו נישט אונטערשרייבן אויף יידיש...

צווייטע דאמע: ווען מען מאכט זי .פרעזידענטין אין פרויען־פאַריין אן אייגענעם הויז וואָלט זי אויפגעשטעלט...

(דורך דער פאָרהאַנג־טיר הערט זיך אסך שטימען, טריט, שלעפּן פון קאסטנס.)

רייזל: (הינטער דער טיר) שרעק דיך נישט, מאמע, אלץ וועט מען ארויפברענגען. קום דערווייל דאָ אריין. (עפנט די טיר. רייזלס מוטער קומט מיט איר, אין אן אלטפרענקיש קלייד, דער קאָפּ פארוויקלט אין א טונקל שאַלעכל, א קליין דאר יידענעלע, מיט אן ארויסגעשטאַרצט געמבעלע, א מויל אָן ציין. רייזלס ברודער, א פּראָווינציעלער, כיטרע אויגעלעך, א קיילעכדיק שווארץ בערדל.) דאָ וועסטו זיך אָפּרוען, מאמע, אומעטום. דאָ וואוין איך, ס'איז דיינס, מעגסט זיצן וואו דו ווילסט (דערזעט די דאמען) אך, זייט מיר מוחל, אייך נישט באַמערקט (גיט זיי די האנט) איר ווארט שוין לאנג?

ערשטע דאמע: ניין, אָבער מיר האָבן געוואָלט אוועקגיין.

רייזל: (טוט זיך אוים דעם מאנטל און הוט) אנטשולדיקט, איר זעט דאָך, וואָס פאר א טאָג ס'איז ביי מיר, א יום טוב!

צווייטע דאמע: אז מען דערלעבט אזא נחת. א קלייניקייט, מען ברענגט אראָפּ פאמיליע.

רייזל: ס'איז א טעאטער אויף בילעטן: איך שיק זיי שיפסקארטן 2־טע קלאַס, שיק געלט, אוצרות, אן אלט מענטש, וואָס זאָל זי זיך פּלאָגן אין אזא ווייטן וועג? אוודאי! טרעף איך ביידע גרינע אין דריטן קלאַס אין א ווינקל און עסן ברויט מיט באנאנעס...

פּעסעלע: כ'האָב נאָך אויף מיין לעבן נישט פארזוכט קיין טרפות. זאָל איך זיין צווישן גוים? א וועג קומט מען איבער, נישט אזוי, לייזער?

לייזער: איך ווייס? ס'איז דאָך אמעריקע...

פּעסעלע: אומעטום איז דאָ א גאָט. אין אמעריקע איז דען נישטאָ קיין אויבן?

ערשטע דאמע: אומעטום זיינען דאָ יידן,, צו גאָט און צו לייט, אז מען וויל זיין פרום, קאָן מען אומעטום אויספירן.

רייזל: זעסט, מאמע, די פרויען זיינען פון א הילפס־פאריין, פון א יידישן פאריין.

צווייטע דאמע: מען טיילט צדקה פאר געמיינע לייט, פאר אָרעמע.

פעסעלע: אין אמעריקע איז אויך דאָ ארעמע־לייט?
לייזער: אומעטום איז דאָ ארעמע־לייט, געמיינע לייט, ארבעטאָרערס.
ערשטע דאמע: הלוואי וואָלט אזוי נישט געווען, ווי ס'איז דאָ.
פעסעלע: (קוקט זיך ארום) קיין עין הרע א שיינקייט, דער טאטע וואָלט דאָס דערלעבט, ווינד איז מיר, אזא נחת. (וויינט, רייזל ווישט זיך די פייכטע אויגן)
צווייטע דאמע: נארעש מענטש, פארן טויט קען מען זיך אין ער־געץ נישט באוואָרענען, מען שטעלט שוין דאָ אויך א יידיש בית עולם איז א סימן, אז מען דארף.
רייזל: וויין נישט מאמע, ס'וועט דיר גאָרנישט פעלן, ס'וועט קיי־נעם גאָרנישט פעלן, מ'וועט געבן צדקה פארן טאטנס נשמה, וועט ער האָבן א ליכטיקן גן עדן, סעניאָרא! פארשרייבט די מאמען פאר א "סאָסיע" און גיב איינשרייב־געלט טויזנט טאָלער (זי נעמט ארויס פון בייטעלע געלט, גיט די דאמען)
פעסעלע: פאר וואָס זאָל מען מיך עפעס פארשרייבן סאָסיע, כ'הייס דאָך פעסיל, שעמסט זיך מיטן נאָמען? (מ'לאכט)
רעיזל: ניין, מאמע, א סאָסיע איז דער טייטש א מיטגליד, א מיט־גליד אין א פאריין.
לייזער: ס'הייסט א "טשלאָנעק", אז דו ביזט פארשריבן אין דער חברה.
פעסעלע: אזוי? א חברה־מאנטע? ווייס איך שוין.
רייזל: (לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ)
צווייטע דאמע: דאָ הייסט עס נישט קיין חברה־מאנטע, דאָ טאָר מען עס נישט זאָגן. ס'איז א מיאוס וואָרט.
ערשטע דאמע: א פארקערטע וועלט איז דאָ, מומע, אין דער היים האָט א חברה־מאן געהייסן דער שענסטער ייד פון שטאָט, און דאָ איז א חברה־מאן א פּאַסקודנע זאך, א פארקערטע וועלט אמעריקע!
לייזער: אין דער היים איז אצינד ווינטער, און דאָ זומער, היצן.
פעסעלע: אז ס'איז נישט קיין שיינע זאך צו זיין אין חברה, וואָס זשע האָסטו מיך איינגעשריבן, רייזעלע?
ערשטע דאמע: אונדזער סאָסיעדאד איז נישט קיין חברה, נאָר א פאריין, אלע פיינע פרויען זיינען סאָסיעס.
צווייטע דאמע: סעניאָרא, איר מעגט מיטנעמען אייער מוטער און ברודער אויף דער אונטערנעמונג, וועלן זיי דאָס זען אביסל יידן, קיין שום ניהאָרע, ס'איז דאָ ביי אונדז.

ערשטע דאמע: אן אָנגעלעגטע "סאָסיע": טויזנט טאָלער איינשרייבגעלט. דאָ האָט איר, סעניאָרא די בילעטן, קוים די לאָזשע באַהאַלטן פאַר אייך, ס'וועט זיין אן אָנגעפּאַקעוועטער טעאַטער פון בלויז פיינע פאַמיליעס... אָבער אייער סעניאָר דער דאָקטאָר זאָל נישט אַמאָל פאַרגעסן צו קומען, די גאַנצע קאָלעקטיוויטעט וואַרט.

צווייטע דאמע: א בריליאַנטן מויל האָט ער דאָס, אפשר וועט מען אויסראַטן דאָס אַלדאָסבייז פון אונדז, זאָל ער נאָר נישט פאַרגעסן צו קומען, אַלע ווילן אים הערן רעדן אַזאַ וויכטיקע זאַך.

רייזל: ער וועט קומען, נו ווי דען? ער וועט רעדן.

ערשטע דאמע: דאַרף מען שוין גיין, אמת, מ'דאַרף שוין גיין?

צווייטע דאמע: טאַקע; אויף די היינטיקע דינסטן קען מען זיך פאַרלאָזן? דערצו נאָך שוואַרצע דינסטן.

רייזל: ניין, גייט נישט, איך בעט אייך, מיר וועלן פאַרברענגען צוליב מיין מאַמען און ברודער. איר דאַרפט אליין רעדן מיט ד"ר סילוואַ, ס'קאָן זיין ער האָט פאַרגעסן, אַז ער דאַרף היינט רעדן. קומט אַריין אין קאָמעדאָר, מיין סעניאָר קומט אודאי גלייך. קום, מאַמע, לייזער, סעניאָראַס. (מע שליסט די טיר) דאַכט זיך, אַז ער קומט. אַנטשולדיקט (לויפט אַרויס און קומט באַלד צוריק כמעט שלעפּנדיק ד"ר סילוואַן.)

דר. סילוואַ: (גריסט זיך לייכט מיטן קאָפּ)

רייזל: מאַמע, אָט דאָס איז מיין מאַן! (פעסעלע קוקט אים אָן ווי מיט שרעק) דאָס איז מיין מאַמע, דאָקטאָר!

דר. סילוואַ: (גייט צו, גיט איר די האַנט העפלעך)

רייזל: און אָט איז מיין ברודער, ווי פאַרענדערט זיי זיינען פונם וועג.

דר. סילוואַ: (גיט לייזערן די האַנט), זאָג זיי, דאָנאַ ראָזינאַ, אַז זיי זאָלן מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך האָב נישט געקאָנט זיין ביים שיף.

רייזל: זיי ווייסן, איך האָב זיי געזאָגט.

פעסל: ער קאָן גאָרנישט קיין יידיש?

דר. סילוואַ: יאָ, מוטער, פאַרשטיי יידיש רעדן.

רייזל: פאַר וואָס זאָל ער נישט פאַרשטיין? קומט לאָמיר אַריינגיין אין קאָמעדאָר, סעניאָראַס, וועט איר אים דערמאָנען, קום, מאַמע. (העלפט איר זיך אויפהויבן, פירט זי אריין, אַלע גייען נאָך, דער זאָל ווערט א רגע ליידיק, ס'דערהערט זיך א קלונג אין דער פאָדערטיר. דער פּאָרטיער לויפט דורך דעם זאָל, כדי צו עפענען, ס'הערט

זיך עפּעס רייד, באַלד קומט אַריין די קוואַקע וויגנדיק זיך ווי אויף אַן אַקס, אָנגעטאָן אין אַ גרויסן הוט, מיט איר קומט די אָדעסערין).

פּאָרטיער: זאָל איך מעלדן דער מאַדאַם?

קוואַקע: (פּאַכעט זיך דאָס פּנים) גוט, גוט, מיר וועלן וואַרטן. ס'איז דאָ אַסך מענטשן?

פּאָרטיער: געסט זיינען דאָ, דאַמען אויך. וועט איר אויסוואַרטן (פאַרשווינדט גלייך אין דער טיר)

אָדעסערין: אַזאַ גדולה, ווי איז מיר נישט, זעט וואָס דאָ טוט זיך אַלץ?...

קוואַקע: זי האָט שטענדיק געהאַט מזל, די מאַמע איז אַ בוימל גיסערין, פרום ווי אַ רביצין, וועט זיך מאַכן שמחת תורה.

רייזל: (קומט אַריין) וועמען איך זע!

קוואַקע: ליב דיר דיינע געסט.

אָדעסערין: (וואַרפט זיך אויף איר קושן) מזל טוב דיר, ראָזע, ליבע דיינע געסט.

רייזל: אַדאַנק, גאָט זאָל אייך אויך העלפן.

קוואַקע: אַז די מאַמע איז געקומען, רעדט זי שוין פון גאָט! וואָס מאַכט זי? וואָס דערציילט זי פון דער היים?

רייזל: כ'האָב נאָך אַליין רעכט נישט געפרעגט, מיר זיינען ערשט פון שיף געקומען. וואָס איך האָב פון זיי געהאַט!

אָדעסערין: זי ווייסט שוין, אַז דיינער איז נישט קיין ייד?

רייזל: חלילה, איך האָב איר געזאָגט, אַז ער איז פון איטאַליע אַ איטאַליענישער ייד, נאָר ער קאָן נישט קיין יידיש. דער ברודער שטויסט זיך עפּעס אָן, ער קוקט מיט אַן אייגל...

קוואַקע: אַ זאָרג האָסטו... זיי וועלן זיך צוגעוואוינען. צו צרות געוואוינט מען זיך גיך צו, ס'איז דיר טויזנט מאָל וואוילער מיט אַ גוי, ווי מיט אַ ייד. נאָך אַ וויטישן ייד האָט דיר געפעלט, ער וואָלט דיך אַרויסגעטריבן ווי אַ הונט, אוי, רייזל קרוין, טוען זיי אונדז אָן צרות! די וויטישע האָבן צוריק אויפגעהויבן די קעפּ. און דיין יאָלד, דער ווייסער קאָפּ איז דער גאַנצער אָנפירער. קרעץ מעג אים אַרויסקומען אויפן לייב.

אָדעסערין: איך פאַרשטיי נישט, אין אָדעס איז אויך דאָ בלאַטע. מיט וויטישע, אָבער וועמען אַרט עס זיך צו מישן אין יענעמס עסק?

קוואַקע: אַן אומגליק. אַ ריינער אומגליק.

ר י י ז ל: כ'ווייס, כ'ווייס, וואָס עס טוט זיך, דער דאָקטאָר דערציילט מיר אַלץ.

קוואַקע: טאַקע וועגן דעם בין איך געקומען. כ'קאָן דען ארומגיין? די יאָלדן זאָלן אַזוי קענען גיין אויף זייערע פיס, רבונו של עולם אין הימל! אַ פּאַראַליטש מאַכט זיך מיר דאָ אויפן דיקן פלייש, אָבער כ'מוז, אז מען גייט אונדז אויפן שטיקל ברויט...

ר י י ז ל: נו, וואָס ווילט איר פון מיר.

קוואַקע: זיי נעמען דאָך אים, דיין דאָקטאָר, אויך אריין אין רעדל. ער וועט דאָך ריידן היינט ביינאַכט אין טעאַטער. ער אַליין מאַכט דאָך אַ פינסטערע גזירה. מען זאָל אונדזערע "קאַפּטאַנעס" ארויס־טרייבן פון לאַנד, אַ ראַץ איז אונדז אין די לייבער, וואָס הייסט, מען וועט ארויסטרייבן די חתנים? ווער וועט זיך אָננעמען פאַר אונדז? הפקר וועלן מיר דאָך זיין, ווי די ווערים.

ר י י ז ל: וואָס זשע זאָל איך טון?

קוואַקע: וואָס הייסט וואָס? מען דאַרף דיך לערנען? וואווינסט דאָך מיט אים, קאָנסט אים נישט איבערדאַבערן? אַלץ ווענדט זיך אין אים, זיינס איין וואָרט!..

ר י י ז ל: איך קאָן מיט אים נישט ריידן. איך טאָר מיט אים וועגן דעם נישט ריידן, איך מיש זיך נישט. וואָס ווילט איר פון מיר האָבן?

קוואַקע: וואָס הייסט — וואָס מיר ווילן? אז מיר זיינען אין אַזאַ נויט און דו קאָנסט אונדז העלפן. ביזט דען נישט געווען אין דעם ברויט?

ר י י ז ל: (כמעט היסטעריש) כ'בין געוועזן? איך ווייס נישט כ'בין אַ אַנדערע, אַן איבערגעגעסענע, כ'בין נישט די, שוין לאַנג נישט די, וואָס ווילט איר פון מיר האָבן?!

קוואַקע: וואָס מיר ווילן? ס'איז דיין קאָפּ, דיין קעפּעלע! דו האָסט עס אים צוגערעדט, אַלץ דו, זאָל מען מיר דאָס לייב שניידן, אויב ס'שטעקט נישט דיין קאָפּ דרינען! וואָדען? דעם גוי וועט ליגן אין זינען אַזאַ זאַך?

אַדעסער־ין: אַ שטענדיקער גאַסט געווען אונדזערער, וועט ער אונדז שלעכטס טון?

קוואַקע: זאָל מען מיך פּאַלמעסן, ס'איז איר קאָפּ! זיי ווייסן שוין אין דער פּאָליציי אַלע נעמען פון די חתנים, דו האָסט אויסגעגעבן, דו, אַן אייגענע טוט אַזוי?

ר י י ז ל: איך? איך בין נישט קיין אייגענע, איך קאָן אייך נישט!

ד ר. ס י ל ו ו א : (קומט צולויפן אויף אירע היסטערישע געשרייען) וואָס קומט דאָ פאָר, דאנא ראָזינא?
ר י י ז ל : (טוליעט זיך צו אים) דאָקטאָר! פריינד מיינער! וואָס ווילן זיי פון מיר? וואָנעס!
ד ר. ס י ל ו ו א : און וואָס האנדלט זיך דאָ, סעניאָראס?
ק ו ו אָ ק ע : נישט קיין בייז, אַ טובה בעטן מיר ביי איר, דאָקטאָר, איר זייט דאָך אונדזער פריינט, פלעגט אריינקומען צו אונדז, און היינט זיינען מיר אין אזא נויט, מען וויל דאָך אונדזערע מענער פארטרייבן, וואָס וועלן מיר טון? נאָר איר, סעניאָר דאָקטאָר, (וויל אים קושן די האנט) אין אייך איז עס געווענדט.
ד ר. ס י ל ו ו א : (כאפט אוועק די האנט) דאָ גאָרנישט, סעניאָראס, ביי מיר איז יום טוב, אין ביורא קאָנען מיר רעדן, איצט איז ביי מיר יום טוב. דאנא ראזיטאס מוטער און ברודער זיינען געקומען.
אָ ד ע ס ע ר י ן : מיר זיינען דאָך היימישע, לאָמיר כאָטש אָנקוקן א פרישן מענטשן.
ר י י ז ל : גייט אריין, אז איר ווילט. איך קום גלייך, א רגע לאָזט מיך אליין.
ד ר. ס י ל ו ו א : פילסט זיך נישט גוט ראָזינא?
ר י י ז ל : ניין, ד״ר א רגע כ׳בין בלאס און וויל נישט אריינגיין צו די געסט מיט אן אויפגערעגט פנים, (קוואָקע, אָדעסערין־נאָך זיי דר. סילווא גייען אריין אין דער טיר צום עס־זאל, רייזל זעצט זיך אין א שטול, לענט אָן איר קאָפ אויף אירע ארעמס, וואָס ליגן אויסגעשפרייט אויפן קליינעם קיילעכדיקן טישל. פויזע. עס קומט אריין דער בלאָנדער, א שטומער צער ליגט אויסגעגאָסן אויפן פנים; ער שטייט ביי דער טיר, דאן גייט ער נאָך עטלעכע טריט, בלייבט שטיין פון דערווייטנס.)
ב ל אָ נ ד ע ר : ראזא! (שטיל. פויזע.) ראזא!
ר י י ז ל : ווער? דו ביזט דאָ, דו?
ב ל אָ נ ד ע ר : יאָ, איך, איך ווארט דאָ אונטער דער טיר די גאנצע צייט, כ׳האָב אלץ געהערט.
ר י י ז ל : וואָס ארט עס מיך? ס׳איז מיר אפילו אין אויער נישט אריין.
ב ל אָ נ ד ע ר : ס׳ארט אייך יאָ, ראָזא, איך פיל, ווען ס׳איז אָנשטעל, און ווען ס׳הארץ קלאָגט. ס׳טוט וויי?
ר י י ז ל : וואָס ווייי, וואָס הארץ? נאָר, כ׳האָב שוין לאַנג קיין הארץ נישט, כ׳האָב געמיינט אז כ׳וועל זיך איבערגיסן, וועל איך זיין אן אנדערע

מיט א נייער נשמה. צום סוף גאַרנישט. האָב איך געשטרעבט די מאַמע זאָל קומען, דער ברודער זאָל קומען, פאַרגעסן, וואָס ס'איז געווען... איז אָבער ס'האַרץ ווייזט אויס, שוין לאַנג אויפגעפרעסן, אויסגעפוילט געוואָרן, גאַרנישט פיל איך. גאַרנישט וואַרפט זיך אין מיר, גלייך פרעמדע וואָלטן געקומען.

בלאַנדער: ראַזאַ! קיינמאָל ווילט איר מיך נישט פאָלגן, הײַנט אויך נישט, כ'האָב אייך געזאָגט: פאַרט אוועק, דאָ קענט איר נישט זײַן גליקלעך; איצט וואָרן איך אייך נאָך, א גרויס אומגליק קלאַפּט אין אייער טיר!

רײַזל: אַן אומגליק?

בלאַנדער: וואָס דען, אין דער ייִדישער גאַס זוכט מען דורך יעדן איינעם, צו געהערט ער זיך עפּעס נישט אָן מיט חברה, און באַלד וועט מען אוודאי אויסגעפינען וועגן אייך, ראַזאַ.

רײַזל: אַזוי? הם!.. יאָ, גוט. אָבער איך בין דאָך שוין לאַנג אַרויס! (ס'הערט זיך קלינגען פון פאָדערהויז) גיי, בלאַנדער, אַרײַן אין קאַמערדאַר צו די געסט, דאָרט זײַנען אַלע, אַז מ'וועט זיך פרעגן אויף מיר, זאָג, אַז איך קום באַלד (דער בלאַנדער גייט אין עס־זאַל, רײַזל גייט עפענען, קומט באַלד צוריק מיט חלפן און סטאַרן)

חלף: געקומען? או וואָ! קיין מינוט קאָן איך זיך נישט אָפּרייסן פון קאַמבאַלאַטש, א ביטערע פּרנסה!

סטאַרע: אין א שלעכטער צײַט געקומען דײַנע, נישט אין סעזאָן,

חלף: א פּגירה אין זײַערע גערערעם, די וויטישע, אויפגעהויבן די קעפּ, מען קריכט זיי אין וועג אַרײַן? ווילן זיך נישט מישן מיט אונדז? ווערטס ראַד געבראַכן, וואָס טשעפּן זיי זיך גאָר צו בלאַטע? שלאָגן פּרויענציםמערס, אַזוי העלפט אונדז גאָט, ווי זיי וועלן מיאוס אויסשפּילן, ווי גאָט איז מיר ליב.

רײַזל: שלאָגן?

חלף: א באַנדע יאָלדן זאָגן, אַז זיי זײַנען אַרבעטערס. האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין די "געסלעך" מיט אײַזערנע שטעקנס און געשלאָגן די "פרויען", געוועזן קיינער, מען דאַרף זיך דאָך ווערן, די רעגירונג וויל אַרויסגעבן א באַפעל. אַלע זאָלן מיר אַרויס פון לאַנד.

סטאַרע: ס'וועט זיי העלפן ווי א טויבן אַקטיאָר דער סופלאָר, אַז מ'וועט דאַרפן געלט וועט זײַן ווי בלאָטע.

רײַזל: געשלאָגן די מיידלעך?

חלף: פאַרן אמת. וועל איך זיך ווען קאָפּ אָפּשניידן! מיר מישן זיך עפּעס אין זייערע ביזנעס? אז מיר זאָלן זיי וועלן פאַרמאַסערן בלייבט קיין איינער נישט אין לאַנד, אַנאַרכיסטן זיינען זיי!

סטאַרע: די ערגסטע ביזנעס וועל איך האָבן; נישט די וויטישע און נישט די בלאַטע וועלן קומען צו מיר אין טעאַטער. מ'דאַרף אַ קוק געבן אויף די גרינגע געסט, וואָס פאַר אַ פּובליקום ס'איז...

רייזל: נו, קומט אַריין (אַלע דריי גייען אַריין אין עס־זאַל. דער סאַ־לאָן בלייבט ליידיק, באַלד קומען פון דאָרטן אַרויס ביידע דאַמען, די פּרעזידענטין און וויצע אַראָפּגעלאָזט די נעז און אויפגערעגט)

ערשטע דאַמע: האָסט געזען אַזוינס?

צווייטע דאַמע: מען קאָן נישט פריער דעם מענטש, ביז מען האַנ־דלט נישט מיט אים.

ערשטע דאַמע: ווי מיר, ס'איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן, ווען כ'האָב זיי געזען אַריינקומען.

צווייטע דאַמע: כ'מיין, מיין מאַן איז אַ חכם; ער האָט מיר גע־זאָגט, אז די דאַמע וואָס גיט אַזוי פיל געלט אויף אונדזערע סאָ־סיעדאַדן, האָט אַ גרינגע פּרנסה...

ערשטע דאַמע: דאָס פּנים איז מיר רויט געוואָרן פאַר שאַנדע! מיט אַזעלכע לייט צו זיצן ביי איין טיש!

צווייטע דאַמע: און די צווייי, וואָס זיינען ערשט אַריינגעקומען? ס'מוז דאָ זיין דאָס אמתע הויז! קום לאָמיר אָפּציען באַציייטנס; ס'איז אַ בזיון צו דערציילן פאַר די מענער!

ערשטע דאַמע: איך מוז עס באַלד מעלדן אויף אַ זיצונג. באַלד מעל־דן! ווי מיר, איך קאָן דאָך אומגליקלעך זיין. ווער דאַרף איר געלט, אז זי איז אַזאַ בהורטע?

פּעסעלע: (קומט אַריין שטעלט זיך אין די טיר ווינקט און רעדט אַרויס שטיל:) לייזער! לייזערל!

לייזער: (קומט אַריין) וואָס, מאַמע? רופסט מיך אַוועק פון טיש, — ס'זיצן דאָך מענטשן.

ערשטע דאַמע: ס'זיינען "האַלבע פיש" און "האַלבע מענטשן", — יונגערמאַן.

פּעסעלע: יידישע קינדערך! מיר געפעלט עפּעס נישט די מעשה, אַזאַ שוואַרצער, ווי האָט מען געזען אַזעלכע שוואַרצע יידן? ערגער ווי אַ ציגיינער, אַ בראָך איז מיר נישט! ער מוז גאָרנישט זיין קיין ייד.

ערשטע דאַמע: ס'קאָן זיך אַלעם טרעפן, מומעשי!

פעסעלע: לייזער! ס׳הארץ האָט מיר געזאָגט, איך זאָל נישט פאָרן; אויף דער עלטער געוואָרן א גויע. וואו איז ערגעץ די קיך? לאָמיך זען, צי מ׳מאכט כאָטש כשר.

רייזל: (קומט אריין אביסל פארפינסטערט) מאמע! וואָס ביזטו אינ־מיטן דערינען אוועק פון טיש? ט׳פאסט נישט אזוי, לייזער?

פעסעלע: מ׳וועט קוקן, וואָס ס׳פאסט, הערסט דאָך, טאָכטער: דער אָקס האָט א לאנגע צונג און קאָן נישט ריידן, דער מענטש האָט א קורצע — און טאָר נישט ריידן, ווייז מיר, וואו האָסטו די קיך, מן הסתם אינאיינעם מילכיקס מיט פליישיקס?

רייזל: דאָס זאָל זיין די קלענסטע זאָרג, מאַמע, די צוויי יידן, וואָס זייַ־נען איצט אריין איז איינער אונדזער שוחט און דער אנדערער א חזן, (ביידע דאמען גיבן זיך א ריס ביים באק, רייזל באמערקט) און איר, סעניאָראַס, גייט שוין טאקע?

צווייטע דאמע: ס׳איז אזוי אויך היימלעך, ס׳פעלט דען מענטשן דאָ? (גיט איר די האנט) צום ווידערזען!

רייזל: גייט געזונט!

ערשטע דאמע: א גוטע נאכט, מומעשי, זאָרגט זיך נישט, ס׳איז דאָ אויך א יידישע שטאָט, א גוטע נאכט! (ביידע גייען ארויס)

פעסעלע: הערסט דאָך, טאָכטער, נישט באשערט דיין מאמען קיין נחת.

לייזער: איך וויל אויך עפּעס רעדן מיט דיר, שוועסטער: ס׳איז נישט קיין צוועק אזוי, דאָ איז נישט פאר אונדז! ס׳איז צו נגידיש, מירן זיך בעסער דינגען א דירה, איך מיט דער מאמען. איכל ארבעטן שוסטעריי, איך וועל זיך דאָ אויך גוט פארדינען. וואָס דארפן צוויי מענטשן? כ׳וויל נאָר, זאָלסט אונדז אויסבאָרגן אויף אַ דירה, כלים צו דער ארבעט האָב איך מיטגענומען.

פעסעלע: ס׳הארץ האָט געזאָגט, מ׳וועט נאָך דארפן זיי באנוצן.

רייזל: ס׳זענט דאָך ערשט געקומען, וואָס איז מען שוין נישט צופרי־דן? וואָס יאָגט מען זיך שוין ווענן א דירה, — מען טרייבט ארויס?

לייזער: דיין מאן איז זייער א גוטער מענטש, א גרויסער מאן, מיר זיינען פראָסטע מענטשן, אזוי ווי איך זאָג, רייזל, עט זיין גליי־כער.

פעסעלע: געפאָרן אזוי ווייט און ארייַנגעפאלן! כ׳מיין דיך טאָכטער־לעב, אַזאַ שווארצער, ער מוז גאָרנישט זיין קיין ייד, ווינד איז מיר,

א געשמדטע טאָכטער...

רייזל: כ'בין נישט געשמדט, מאמע! כ'וועל נישט נויטן אייך דאָ צו וואוינען. איך האָב געשטרעבט אייך צו ברענגען, צעברעכט איר מיר נאָך דאָס שטיקל לעבן, וואָס האלט זיך אויף א צונויפגעקניפטן פאָדעם (ס'קומען אריין חלף, סטארע, קוואָקע און אַדעסערין)

חלף: מ'לאָזט איבער געסט און מ'גייט ארויס?

סטארע: עפּעס איז דאָ א טראַגישע סצענע...

רייזל: הערט כאָטש, וואָס א מענטשן פאַלט איין: "איך בין געשמדט", —

קוואָקע: מיינע שונאים, הלוואי אלע יידישע טעכטער זאָלן אזוי זיין געשמדט.

חלף: נארישע יידענע, מ'האָט אייך עפּעס איינגערעדט? די צוויי "וצדקתךדס", וואָס זיינען דאָ געווען? מיר גלויבט, איך בין א ייד, וואָס האָב נאָך אין מיין לעבן קיין טריפה נישט געגעסן, 40 טעג בין איך געפאָרן מיט דער שיף אהער, 40 טעג, מיט 30 יאָר צוריק, האָב איך בלויז מיט טרוקנס געלעבט, זאָל דער מענטש זאָגן (ווייזט אויף סטארען)

פעסלע: אָבער דער מאַן איז דען כאָטש א ייד?

חלף: אז מ'זאָגט אייך, זי איז נישט געשמדט, מיין טאָכטער זאָל זיך אזוי שמדן, ווי זי איז געשמדט, כ'קאָן אייך שווערן ביי די ציצות. איר זעט? (שפּילעט זיך אויף די וועסט, ווייזט א טלית קטן) ביי די ציצות קאָן איך אייך שווערן! איר מיינט, אז דאָ איז שוין נישטא קיין יידישקייט?

לייזער: וואָס וועט מען דאָ טון? לאָמיר זיך דינגען א דירה און וואוינען פאר זיך.

סטארע: דאָס איז ערשט דער פּראָלאָג, ס'וועט נאָך זיין 4 אקטן מיט אן עפּילאָג, לאָמיר גיין, דער סאלאָן מוז שוין זיין אָפן. מומע! קומט בעסער אין טעאטער, וועט איר זען אביסל יידן דאָ איז דאָ.

קוואָקע: מיר האָבן א גוט טעאטער, אלע מאָל אן אנדער געשלעג... זעסט, מויד, כ'האָב דיר געזאָגט, אז מ'וועט זיך פארדען. לאָמיר שוין טאקע גיין. יאָ רייזעלע, מעגסט עפּעס צושטייער געבן אויפן בית עולם, א גרויסע נדבה, אז גאָט האָט דיר יאָ געהאָלפן אז דו קענסט...

פעסלע: זיי האָבן קיין בית עולם נישט, ווינד איז מיר! זעסט שוין, לייזער, אז מ'קלינגט איז א חגא. מ'האָט געזאָגט, אז מען

ליגט מיט א צלם צווישן גוים, נאכדעם נעמט מען ארויס און מע פארברענט.

ר י י ז ל: איך האב שוין געגעבן אויף א היליקן ארט 5 טויזנט טאלער.

ק ו ו א ק ע: צעשמעלצט דיר די קאשע מיט די וויטישעס? גערענק, ס'וועט דיר אויספאלן באקעם, ס'איז געווארן די אמתע שטיקל סחורה, די שמדניצע!

פ ע ס ע ל ע: א?!

ק ו ו א ק ע: נאך ערגער ווי געשמדט, א יידיש קינד זאל נישט וועלן געבן אויף א בית־עולם, א בית עולם פאר אייגענע שוועסטערן און ברידערן.

ר י י ז ל: פאר די "ברידערן" האב איך גענוג געגעבן: לאנגע יארן זיך געוויקט אין אייגענעם וויטיק און זיי זיינען געקומען צום גרייטן און אויסגעזויגן דעם מארך, ווי א פיאווקע דאס בלוט! פאר וואס האבן די ברידערן ביז איצט נישט געזארגט פאר אן אייגן בית עולם פאר די צעבראכענע ביינער פון די שוועסטערן וועגן? די שוועסטערן האבן זיי וויניק געלט געגעבן? אויף קארטן שפילן און אויף ראד־לעטים? אויף שכורן און ארומגיין ליידיק? וואס טויג די שוועסטע־רין א גוט ארט, אז מ'באגראבט זיי סיי ווי נישט? צעקרישלט ווערן זייערע לייבער און זייערע גערערים — אריינגעווארפן אין מיסט־קאסטנס? וועלכע שוועסטער איז דען באגראבן געווארן ווי א מענטש־לעך באשעפעניש אין דער ערד? סיידן אזוינע גבאיטעס ווי איר.

פ ע ס ע ל ע: ווינד איז מיר, וואס פאר א מדינה דא איז.

ל י י ז ע ר: קום, מאמע, אין אונדזער חדר. מ'זאל דערלעבן מארגן, וועט מען שוין וויסן וואס צו טון.

פ ע ס ע ל ע: האסט דאך אליין געהערט, ווי דאס מענטש האט זי אנ־גערופן "שמדניצע"!

ל י י ז ע: מאמע, איך הויב אן פארשטיין, וואס דא איז, מאמע, וואס דא קומט פאר! דו ווייסט נישט, מאמע, לאמיר שוין גיין! שוין גיין!

ר י י ז ל: ניין, דו ווייסט נישט, מאמע, כ'בין נאך ערגער ווי א גע־שמדטע; א געשמדטן איז מען מוחל, מיר איז מען נישט מוחל. (לייזער קראצט זיך מיטביידע דעם קאפ, רייסט די האר)

ד ר. ס י ל ו ו א: (פאלט אריין פון דער טיר) אלץ נאך, סעניארעס, וועגן זעלבן? איך האב דאך געבעטן...

ר י י ז ל: אלע אויף מיר, אלע, דו, דאקטאר, קאנסט מיר העלפן דיין רעוואלווער גיב מיר, אז נישט, וועל איך מיר בארגן ביי א מאטראז.

ד ר. ס י ל ו ו א: וואָס גייט דאָ פאָר, סעניאָרעס?

ה ל ף: נאַרישקייטן, ווייבער זיך צעוועריטלט, לאָמיר טאַקע גיין. א גוטע נאַכט, א גוטע נאַכט, מומע! נעמט אייך נישט צום האַרצן (אַלע דריי גייען אַרויס)

ל י י ז ע ר: קום, מאַמע, אין אונדזער חבר. מ'זאָל דערלעבן מאָרגן, וועט מען שוין וויסן, וואָס צו טון.

ר י י ז ל: איר מיינט, אַז איך בין אינדערהיים, וואָס איר האָט מיך פאַרזאָרגט? דינען האָט איר מיך געיאָגט, א דינסט־מויד זיין און אייך ברענגען ס'געלט?

ד ר. ס י ל ו ו א: דאָנאַ ראָזינאַ!

פ ע ס ע ל ע: אַז דער טאַטע איז געלעגן אויף דער אַסמאַ... לאָמיר גיין לייזער, ווייסט וואו ס'ליגן אונדזערע זאַכן? (ביידע גייען אַרויס).

ר י י ז ל: (פאַלט אויף די קניען פאַרן ד"ר סילוואַ) דאָקטאָר מיינער, איך בין אַזוי אומגליקלעך.

ד ר. ס י ל ו ו א: ראָזאַ, ראָזינאַ! וואָס פעלט דיר? שטיי אויף, נאַרעלע, שטיי אויף, ס'איז ניט שיין.

ר י י ז ל: ס'איז אַזוי שלעכט, אַזוי שווער, אַלץ האָט זיך פאַרנומען, די וואָראַנעס גייען נאָך, מ'יאָגט מיך, דאָקטאָר, פריינט מיינער.

ד ר. ס י ל ו ו א: ווי לאַנג דיר איז אָנגענעם מיין פריינדשאַפט, ראָזינאַ. געניסטו די שוץ און גליק. איך האַלט דיך נישט ווי א צופעליקע פרוי, ווי א צייטווייליקע געליבטע, נאָר ווי אַן אייגענע, ווי א געטרייע, זעסט דאָך, אַז אַלע טירן און אַלע סודות זיינען פאַר דיר נישט פאַרשלאָסן, פאַרוואָס ראָזיטאַ, זאָלסטו נישט גליקלעך זיין? מיידן אין דיין האַרץ ברענט אַזוינס, וואָס קאָן דיר דאָ קיין רו נישט געבן.

ר י י ז ל: די שטנס און די שרעק, וואָס גייען מיר נאָך, פאַרטווישן דאָס זיסע גליק אין בימערן כּם.

ד ר. ס י ל ו ו א: איבערגעגאָסן ביזטו אין אַן אַנדערן אינהאַלט; ביזט אינגאַנצן אַנדערש, נישט די אפילו, וואָס איך האָב דיך מיט חדשים לאַנג געקענט; איך באַוואונדער דיך, דיין איבערבייטן זיך, דיין אויסטון זיך אינגאַנצן פון יענער הויט, ביזט מיינע, ווי לאַנג דו פילסט זיך גוט אין מיין נאָנטקייט, ביזטו מיינע.

ר י י ז ל: דאָרט אין יענעם לעבן, זאָרגט מען נישט פאַרן שפּעטער, נישט פאַרן מאָרגן: אַזוי לעבט מען אָן א ציל, ס'איז יעדע מינוט גוט, און ס'איז יעדע רגע ביטער, כאָטש מען ווייסט אַז מאָרגן

קען מען אויסציען די פיס אין א שפיטאָל, אָדער קריגן אַ מעסער סיי פון אייגענעם יונג, אָדער פון א שיכורן זעלנער. אָבער ווי לאַנג מען איז אין יענעם לעבן, זאָרגט מען נישט, יעדע שעה איז א לעבן פאר זיך. גייט מען נאָך ארויס, טרעט מען אריבער די שוועל פון דאָרט, אזוי הויבט זיך אָן זאָרג.

ד ר. ס י ל ו ו א: וואָס דאַרפסטו דען זאָרגן, ראזיטא, ווי לאנג מיינע אויגן זיינען אפן. (הויבט זי אויף)

ר י י ז ל: כ'האָב דיך איינעם, איין פריינט צווישן אזוי פיל קראָען. איך האָב מורא, דיין הארץ קאָן דאָך אמאָל זיך אויך באקערן, — וואָס וועל איך טון? כ'ווייס נישט, צי איך האָב דיך ליב, — אזא איינע ווייסט נישט פון ליבשאפט, נאָר צו קיין אנדערן וואָלט איך זיך נישט אָפגעבן, ווי א הונט בין איך דיר געטריי. ביזט גרויס. פארשטייסט, דאָקטאָר, איך בין גאָרנישט, כ'בין נישט קיינעמס. מיין מאמע און ברודער וועלן אויך אוועק פון מיר, כ'בין אָן א נאָמען כ'בין קיינער. וואָלט איך חתונה געהאט מיט אן ארבעטער, וואָלט מען אריין צום ריכטער און ארויסגענומען א ביכל: מאַן און ווייב! — וואָלט איך געווען "עפעס", צי איך וואָלט אים ליב געהאט צו ניין, וואָלט איך געווען זיינע, אָבער דו, דאָקטאָר, ביזט גרויס און רייך, און ווי קאָן איך וועלן אזא זאך?..

ד ר. ס י ל ו ו א: ראזיטא מיינע! פאר מיר וואָלט עס געווען אַזאַ גליק, אזא גרויס גליק. יאָ, ווען דו ווילסט ווערן געזעצלעך מיין פרוי. היינט גייען מיר אין טעאטער צו אייך, אין איזראעליטישן טעאטער, צווישן די אקטן האָב איך זייער קאָמיסיאָן צוגעזאָגט צו האלטן א רעדע. אָבער מאָרגן גלייך צום ריכטער. אז דו באשטייסט.

ר י י ז ל: יאָ... ווייל איך ט ר אָ ג... איך שווער, אז נאָר פון דיר, דאָקטאָר, נאָר פון דיר.

ד ר. ס י ל ו ו א: וואָס? איז אמת דאָס? גאָט מיינער, וואו איז דיין מאַמע? וואָס הייסט, זי וועט אוועקגיין אז דו, א ז ד ו ט ר אָ ג ס ט! ניין, איך וועל נישט לאָזן! לאָמיר זי מיטנעמען אין טעאטער אריין. מיט אונדז וועט זי זיין, וואָס הייסט זי גייט אוועק? וואו איז זי? מוטער! מאדרע! (קושט ראזאן און רופט) מאדרע! מאדרע! (לויפט אריין אין צווייטן צימער רופט אלץ הינטער די קוליסן:) מאדרע! מאדרע!

ר י י ז ל: (פארוואָרפט דעם קאָפּ צו די טני. וויינט היסטעריש).

(פאָרהאנג)

די רויטע שנור

ד ר י ט ע ר א ק ט

הינטער די קוליסן פון א סאלאָן־טעאַטער; דעקאָראַציעס מיט א לייוונט־טיר צו דער בינע. לייטערס, ברעטער, שטריק, טישלעך און רעקוויזיט. אויף דער וואנט א שפּיגל ביי וועל־כן ס׳זיצט **ס ט א ר ע** און גרימירט זיך אלס ״יואל קוואטש״ פון דער פּיעסע ״א מענטש זאָל מען זיין״. די גאנצע צייט איז א געגיי פון מענטשן, גרימירטע און נישט גרימירטע, **א ק ט י אָ ר ן**, **א ק ט ר י ס ע ס**. אין דער זייט זיצט א **פ י י ע ר ל ע ש ע ר** און דרימלט.

ס ט א ר ע: (גרימירנדיק זיך זינגט אונטער) ״אונדזער נחת אונדזער פרייד זיינען נאָר ווייבער.

ווייבער, ווייבער, ווייבער״.

א ן א ק ט י אָ ר: (גרימירט אלס ״בנימין״ קומט ארויס פון א לייוונטן טירל. האלט א ביכל און זינגט פאר זיך:)

...״ווילסטו דיר א נאָמען ערווערבען
ס׳זאָל בלייבען נאָך דיין שטערבען
וואַרף אוועק דעם פוסטן יחוס,

ס ט א ר ע: (כאַפּט פריער אוים) א מענטש זאָלסטו זיין״ (פויזע) — שווער יאָלד צו זיין א מענטש אין די לענדער, האָ?

א ק ט י אָ ר: פאר וואָס שווער? אומעטום איז דאָ מענטשהייט.

ס ט א ר ע: ווי דו זעסט מיך לעבן, נאָך שווערער ווי ליטעראַטישע פּראָ־זע. — פארשפּיץ מיר דאָס בערדל, אָט דאָ. (דער אקטיאָר העלפט אים גרימירן) יאָ, ס׳איז א בראָך צו דער קונסט אז ״סטאַרען״ שטעלט מען נישט ארוים אויף דעם אפיש... מען שעמט זיך מיט

מיר, כ'בין א בלאטער אקטיאָר, כ'שפיל פאַר יענע, פאַר די "פיש"... וואָס זשע האָט מען מיך גערופן? הא, ביי אדלערן בין איך געווען דער ערשטער קאָמיקער... הלוואי לעב איך אזוי, מיין נאָמען איז געווען געדרוקט באַלד אונטער זיינעם מיט די גרעסטע אותיות, און דאָ שעמט מען זיך. כ'האָב ביי די וויטישע מער "פּאַטריאָטן", ווי ביי די בלאַטע. וועסט זען ווי מ'וועט אַפּלאָדירן, הלוואי לעבן מיר ביידע אזוי...

אקטיאָר: איך אויף אייער פּלאַץ וואָלט נישט געגאַנגען שפּילן, אז מען דאַרף אייך, וואָס שעמט מען זיך?

סטארע: אמאָל מוז זיך דער לייב בוקן צום פוקס... אז יענע גייען נישט היינט אין טעאַטער אריין. זיי האָבן מורא, נישטאָ פאַר וועמען צו שפּילן, נאַר! ווען איך דאַרף נישט נויטיק דעם טאַלער, הייסט נישט מיין נאָמען "ייד" צו איך וואָלט גיין אהער, איך לאָז אדורך אין איין נאַכט מער אין קאַרטן, ווי דער פּרעזידענט, דער שיינער ייד, גיט אויף דער סאָסיעדאַד. זאָל מיר גאָט אזוי העלפן!
— האָסט נישט קיין רויכערדיקס?

אקטיאָר: יאָ. (גיט אים א סיגאַרעטל) ביטערע ביזנעס... ביטערע...

סטארע: א דאַנק. (פאַררויכערט ביים ליכט) דו ביזט דאָך א וויטישער אקטיאָר, א מענטש וואָס מ'קען זיך אויסריידן ס'האַרץ...

פּייערלעשער: סעניאָר! דאָ איז פאַרבאָטן צו רויכערן!

סטארע: אָט שוין. (פאַרלעשט איר פאַרשטייט: וואָס האָט צו טון קונסט מיט "פּאָליטיקע"? א טעאַטער איז א באָד, ווער ס'וויל מעג קומען, א נפקא מינה זיי, מיר. מ'גייט דאָך זען די קונסט, פאַר וואָס ביי אונדז אין לאָדזש? (פאַררויכערט ווידער)

אקטיאָר: דאָ איז נישט לאָדזש, ס'איז עפּעס אנדערש דאָ.

פּייערלעשער: סעניאָר, מ'טאָר נישט רויכערן!

סטארע: (פאַרלעשט) דו מיינסט אז איך בין שולדיק? אלץ די וויטישע! פעקלעך האָבן זיי מיך געהייסן טראָגן, נישט טעאַטער. מיינע ביינער האָב איך אָפּגעקוועטשט אויף די ברעטלעך, כ'בין שוין לאַנג איבערגעקומען לאַמפּן־פיבער, זאָל איך אויף דער עלטער אוועקוואַרפן די בינע און זיך נעמען צום פעקל?... (פויזע) אזוי פיל טויזנטער זאָל איך האָבן צו מיין בענעפיס און דו אויך, כ'בין דיר נישט קיין שונא, וויפיל ס'וועלן היינט זיין "חברה"... צו מיר האָט מען טענות, איך זינג ביי יענע לייט אויף בריתן און חתונות, די וויטישע פאַרקויפן נישט צו די חברה־לייט? וואָס איז?

ס'איז מיין סחורה, פרנסה, איך קוק ווען נאך דאס ברויט?

אקטיאר: איי חבר, סאי'ז נישט אזוי: קונסט איז נישט קיין סחורה, און דער וואס דינט דער קונסט, דער וואס באטראכט די בינע פאר א העכערע זאך, טאר זיך נישט אראפלאזן, טאר זיך נישט פאר־פלעקן, א קינסטלער טאר זיך נישט גלייכן צו קיינעם, יעדע מינה קוקט מען אונדז נאך, יעדן טריט היט מען אונדז, יעדע תנועה פארשט מען נאך. אין יעדן קנייטש דארף מען ריין זיין, אין יעדן ווינקל — ווייס זיין, — פארקערט, דאס פובליקום מוז זיך פאר־קוקן אויף אונדז, זיך א ביישפיל אראפנעמען פון אונדז.

סטארע: (כמעט געריירט כאפט יענעם אן ביי די הענט) פריינט! איז מיין נאמען נישט מענטש, אויב די ברעטלעך זיינען נישט ביי מיר אן ארון קודש... מיין נשמה זאל אזוי הייליק זיין ווי די בינע איז מיר הייליק ווען איך וואלט געוואלט זיין אן אמתער חברה־מאן וואלט איך דאך קעשענעס מיט געלט ארומגעטראגן, נישט דארפן מ'זאל מיר צאלן א קאוועלע, וואס לאזן זיי מיך נישט די וויטישע, וואס באיקאטירן זיי מיך? איך קאן דיר ווייזן בריוו פון אדלערן, ווען איר זען ווער איך בין, כ'דארף זיך בארימען? הלוואי העלפט מיר אזוי גאט, ווי איך וואלט געשפילט בלויז קונסט. (מען טופעט און מען קלאפט הינטער די קוליסן) נו, מען מוז דאך האבן וואס צו קייען. וואס טו איך אזוינס? כ'זינג אויף בריתן? לייבעלע בער־לינער דער קאמיקער פון קאמפאניעעצנס טעאטער האט נישט גע־זונגען אויף בריתן? זיינע טריט קושט מען דאך, א טייערער אק־טיאר דאס איז. מען לאזט נישט ברודער, ס'איז א קאטארגע דא, נישט קיין שטאט פאר טעאטער (אקטיאר גייט ארוים)

חלף: (קומט ארויף אן א היטל) דו ביזט דאס, הייזעריקער?

סטארע: יא, וואס איז דען חלף?

חלף: קוק אן א "מאזשגאר"! ווי דאס האט זיך איינגעריסט, א פרנסה... טפו! דו הערסט סטארע בלוט וועט זיך נאך היינט דא גיסן אין די גאסן, מיין קאפ זאל מיר אזוי דינען... אז איך זאג בלוט!

סטארע: פאר וואס איז דאס, חלף?

חלף: פאר וואס? (מען קלאפט און מ'רוישט הינטער די קוליסן אין טעאטער זאל) איבער דיר, דיר... אלץ איבער דיר... דו הערסט וואס ס'טוט זיך?

סטארע: איבער מיר?

אקטיאָר: (קומט צולויפן) א סקאנדאל איז, א סקאנדאל!

חלף: זיי זיינען געוואויר געוואָרן אז דו טרעטסט אויף, ווילן זיי נישט לאזן.

אקטיאָר: א סקאנדאל! סקאנדאל.

סטארע: נישט לאָזן? איך האָב מיך געבעטן? געשיקט נאָך זיי בערל?

חלף: אזוי פאַרשעמען א מענטש, פארוואָס? פארוואָס? (ס'קומען ארויף די צוויי דאמען: די פרעזידענטן און וויצע אין שווארצע זיידענע קליידער, מיט זיי קומט א בלאסער יונגערמאן און ס'שטופן זיך אריין אסך פון פובליקום)

ערשטע דאמע: מען דערקענט נישט. — ווער איז דער סעניאָר סטארע?

סטארע: איך בין עס, וואָס איז דען?

ערשטע דאמע: סעניאָר סטארע! די קאָמיסיאָן האָט באשטימט... די מענטשן פראָטעסטירן... מ'וועט אייך באצאָלן דאָס גאנצע און איר זאָלט נישט שפילן, די מענטשן פראָטעסטירן...

סטארע: וועלכע מענטשן? ווער זענען דאָס מענטשן? מאדאם דאָ טאָר מען נישט ארונטערקומען, דאָ טוט מען זיך איבער!

צווייטע: זי איז די פרעזידענטן, זי...

סטארע: פארלאָזט די גארדעראָב מ'דארף זיך נאָך איבערטון זייט אזוי גוט. (ווייזט מיט דער האנט צו דער טיר) אלע, אלע גייט אריין אין סאלאָן. חלף! בערל טו מיר א טובה און גיי אויך, מ'דארף נאָך גרימירן די אנדערע.

ערשטע דאמע: מ'באצאָלט אייך וואָס האָט איר מורא צו האָבן! אָט דער יונגערמאן וועט שפילן דאָס זעלבע וואָס איר.

צווייטע דאמע: סי סעניאָר! אז די מענטשהייט וויל נישט...

סטארע: (צום יונגנמאן) איר? איר ווילט שפילן?

יונגערמאַן: יאָ.

סטארע: איר זענט אן אקטיאָר?

יונגערמאַן: ניין, א ליבהאָבער.

סטארע: איר האָט שוין געשפילט די פיעסע "א מענטש זאָל מען זיין"?

יונגערמאַן: יאָ.

סטארע: די ראָלע פון יואל קוואטש?

יונגערמאן: יאָ.

סטארע: טאָ רוקט זיך ארויס דורך וואנעט איר זענט געקומען, א סוף! (גיט אים א שטויס) דו הינטישער יאַט, א רוח אין דיינע אַלע אברים אריין!

צווייטע דאמע: שלאָגן גאָר?... גיי רוף פאָליציי.

חלף: איר זאָלט שוין גיין, אראָפּגיין פון דער בינע!

ערשטע דאמע: איר? שוין זאָלט איר ארויסגיין, קיין איין סענט קריגט ער נישט. חברה זיינען גאָר דאָ, ארויס זאָג איך אייך פון אונדזער טעאטער!

חלף: איך צעשפּאַלט דיר די געהירן דו פארעפּישטע דינסטמויד, דו!

ערשטע דאמע: (שרייט) גוואלד! מ'שלאָגט!

צווייטע דאמע: (שרייט ארויס דורכן טירל) סעניאָרעס! העלפט, די "לייט" שלאָגן דער פּרעזידענטן! (ס'ווערט א גרויסער ליאַרם, מענטשן פונם טעאטער קומען ארויף. פון הינטן שרייט מען. מע' כאַפּט זיך שלאָגן. אן אויסטויש פון הענט און פויסטן. דער פייער־לעשער מישט זיך אריין. ס'פאַלט דער פאָרהאנג. דער יונגערמאן באווייזט זיך אויף דער ראמפּע און רעדט אראָפּ צו פּובליקום)

יונגערמאן: יידן! סעניאָרעס! בארואיקט זיך סעניאָרעס, מיר וועלן שפּילן טעאטער, שאַ, בארואיקט זיך. מיר זיינען... כ'בעט רו! סע־ניאָרעס! מיר וועלן שפּילן, מיר די בעסטע, די ארנטלעכע!... זיצט אויף די פּלעצער אן זיי!... זיי מעגן זיך שלאָגן. מיר... (א טומל אין זאַל, מען שרייט מען טומלט. מען הויבט זיך אויף. ס'רוקן זיך שטולן. הינטער דעם פאָרהאנג קלינגט מען. ס'ווערט ליכטיק אין זאַל. אויף דער ראמפּע קומט ארויף סטארע האלב גרומירט)

סטארע: האָכגעשעצטעם פּובליקום! (א טומל. מען שרייט "אראָפּ" דער גלאָק הינטער דער פאָרהאנג קלינגט. ס'ווערט צוריק פינסטער אין סאלאָן) געשעצטעם פּובליקום! איך סטארע דער באוואוסטער ארטיסט פון גאנץ...

קולות: אראָפּ!... אראָפּ!

סטארע: איין וואָרט, איינם (שרייט הויך) מיינע דאמען אונד העררן, לאָזט זיך דינען וועט איר הערן די גערעכטיקייט (ס'ווערט שטי־לער), אן ארטיסט איז.. כ'וועל זיך נישט פארענטפערן, נאָר די גערעכטיקייט דארף זיין דאָס גרעסטע, שוין באלד פינף און צוואנ־ציק יאָר ווי איך שפּיל יידיש טעאטער...

קולות: גענוג, אראָפּ! שששש סעניאָרעס לאָזט רײדן! אראָפּ! ארויס

ארויס! ששששש לאז ער ענדיקן שששש!

סטארע: איך שפּיל טעאַטער פאַר אַלעמען, פאַר דעם גאַנצן יידנטום. איך פרעג נישט קיינעם קיין פּאַספּאָרט ווער ער איז, יעדער מענטש איז גלייך, אַלע זיינען מיר ברידער און שוועסטער! (ס'ווערט אַ גרויס טומל)

קולות: נידער מיט די "לייט"! נידער נידער! (דער גלאָק קלינגט ס'ווערט ליכטיק)

סטארע: (רייסט איבער דעם טומל) און אַז איך שטיי אייך נישט אָן צום יחוס? וואָס זענט איר מיט מיר פאַר אַ מחותן? נאַט, איך שפּיל נישט (רייסט זיך אַרום דעם גרים. ס'פּובליקום אַפּלאַדירט) וועט מען זען ווער ס'וועט שפּילן "יואל קוואַטש" וועט מען טאַקע זען! (לויפט אַראָפּ).

פּרעזידענטן: (רייסט זיך אַרויף אויף דער ראַמפּע צעקנייטשט און אויפגערעגט, רעדט אַראָפּ צום פּובליקום) סעניאָראַס אי סעניאָרעס! מיר דאַרפן נישט... מיר... יענע "לייט"!... מיר האָבן דערוואַקסע־נע קינדער... טעכטער. מיר, סעניאָראַס, מיר דאַרפן נישט... זאָלן זיי אַרויסגיין וועט מען שפּילן... (היסטעריש) זאָלן זיי אַרויסגיין! (טופּעט מיט די פיס) לאָמיר זיי צוריקצאָלן ס'געלט! דערוואַקסענע קינדער האָבן מיר!

איינער: (שרייט אַרויף) סעניאָראַ פּרעזידענטן! מ'האָט געהיט מ'האָט יענע נישט אַריינגעלאָזט!...

ערשטע דאַמע: אָט אַ דאָ זיצן זיי, דאָ אין דער לאָזשע! (ווייזט מיטן פינגער אין דער לאָזשע וואו ס'זיצט רייזל און דר. סילוואַ, ס'ווערט אַ געקוקעריי. פון פּובליקום לויפט מען צו. רייזל גיט אַ געשריי "אוי" חלשט. דער טומל ווערט גרויס. מען טראָגט זי אַרויס.)

חלף: (וואַקסט פון ערגעץ אַרויס) בלוט וועט זיך גיסן אין די גאַסן אַ רוח אין ענקערע געדערעם! (מ'לויפט צו צו אים. מ'דראָט מיט פויסטן. מ'שטופּט אים אַראָפּ. די מוזיק שפּילט ווידער. דער בלאַנ־דער באַווייזט זיך אויף דער ראַמפּע מיט אַ גלאָק אין האַנט, קלינגט אַזוי לאַנג ביז עס ווערט שטיל אין סאַלאָן. דער אָרקעסטער רייסט איבער ס'שפּילן)

בלאַנדער: (קלינגט זיי איבער מיטן גלאָק) באַרויקט זיך חשובער עולם. איך וויל נאָר בלויז מעלדן אַז דער געערטער דעפּוטאַט

ד ר. סילוואַ וועט היינט נישט רעדן.

קולות: פאר וואָס? זאָל ער יאָ רעדן.

— — זאָל ער ריידן דאָקטאָר סילוואַ וועגן זיין געזעץ.

— — יאָ. ריידן!

— —זאָל ריידן!

בלאָנדער: צום באַדויערן! ער האָט זיך געהייסן ענטשולדיקן וואָס ער קאָן נישט ריידן, וואָס ער קאָן גאָרנישט זאָגן. איר האָט זיך אריינגעשטאָכן מיט פאַרזשאַווערטע שפּיזן אין זיינע אָפענע וואונדן.

קולות: וואָס? וואָס?

— — רעדט קלאָרער! דייטלעכער!

בלאָנדער: דאָקטאָר סילוואַ וועט נישט ריידן. דאָרטן זיצט ער און קלויבט צענויף רעשטלעך בראָכווארג פון א מענטשלעך לעבן!

עולם: וואָס? וואָס?

— — וואָס מיינט איר?

— — קלאָרער, דייטלעכער!

בלאָנדער: איר ווייסט נישט? דער טונקל הויטיקער וואָס האָט אזא העל הארץ און קעמפט צו פארטיידיקן דאָס צרעת וואָס קלעפּט זיך אזוי צו אונדזער נאָמען, האָט דאָך א פרוי פאר זיך פון יענע טמא־ווינקעלעך גענומען.

עולם: אזוי?

— — וואָס, וואָס?

— — וואָס גייט עס אונדז אָן?

בלאָנדער: ס'גייט אייך יאָ אָן. זי איז דאָך די מאדאם ראָזאַ. זיין פרוי איז זי דאָך. מען דארף דאָך איר קאָנען, מ'דארף דאָך איר פארשטיין אזוי ווי איך... ניין, ווי ער, ווי דאָקטאָר סילוואַ. פון פינסטערן נעסט האָט ער זי ארויסגענומען א ווייסע היים איר גע־געבן: זיינען דאָ ביי אונדז אזעלכע מענער וואָס זאָלן פון שווארצן הפקר ארויסהויבן יידישע טעכטער און זיי שטעלן אויף דער מדרגה פון פרויען און מאמעס? (א טיפע געדריקטע שטילקייט אין סאַ־לאָן) נו, זי האָט דען נישט קיין מאמע? היינט איז געקומען איר מאמע, אן אלטע יידענע, א פרומע און אן ערלעכע. אודאי האָט זי א מאמע, און א ברודער אויך. איר אלע האָט דאָך מאמעס און ברידער, און יענע דאָרטן וואָס זינקען אין חושך פון די פינסטערע

געפלעך — האָבן אויך מאַמעס. ווייסט איר דען וועלכער גורל ס׳הוזקט פון אונדזערע שוועסטער? קעמפט קעגן די, וואָס שעפּן שווארצע פארדינסטן פון ווייסע הויט. רייניקט אוים די תלינים וואָס פירן צארטע נשמות פון מענטשלעכע טעכטער צו די טמאַ־תליות. ברענט אונטער זייערע טריט, ווי א מגיפה וואָלט דורכגע־שפּאַנט! אויף אונדז יידן פון דעם יונגן זוניקן לאַנד איז אויסגע־פאלן דאָס שווארצע מזל זיך מתעסק צו זיין מיט צרעת, וואָס קלעפּט זיך אַזוי קרעציק צו צו אונדזער נאָמען. נעמען מיר רידעלס און לאָפּאַטעס און זיינען מטהר די וועגן פאַר די, וואָס ווען קור־מען דאָ זייער היים זיך מאַכן. מיט ביידע הענט גייען מיר ארויס צו א מלחמה: פאַר יעדן שפּאַן ערד — מיט בלוט באַצאָלן! מיר גיבן צו שטייער א טרויעריג, אָבער א דערהויבן בלעטל צו דער גע־שיכטע. דאָך אונדזער שכל דאַרף לויטער זיין ווי אונדזערע מחשבות, אין אונדזערע הערצער דאַרף גליען דער רחמים־פונק ווי דער האַס צו יענע ברואים אין אונדזערע אויגן. אָבער דעם דאָק־טאָר סילוואַס פרוי, די מאַדאַם ראָזא און אַסך אַנדערע פרויען, וועלכע האָבן מענער פון אונדזערע רייען, דערווייל בלויז ביי זיך אין די רעיונות, זיי טאָר מען נישט באַליידיקן אויב זיי זיינען פארפּייניקטע, אויב זיי זיינען בלינדע וואָס זוכן דעם גלייכן וועג צו געפינען

פ ו ן ע ו ל ם : נישט אמת!

ב ל אָ נ ד ע ר : ס׳איז יאָ אמת: א רויטע שנור איז אויף ראָזאַס האַלדז געהאַנגען איז ער ווייס געוואָרן. א סמן אז די זינד איז איר פארגעבן!

פ ו ן ע ו ל ם : נישט אמת!

— — יאָ אמת!

— — (טייל לויפן ארויף צו דער ראַמפּע שטופּן אים. אַנדערע לאָזן נישט. דער פאַרהאַנג גייט אויף. זעט זיך ווידער די זעלבע סצענע פון אַנהויב אַקט. מען מונטערט רייזלען. נעבן איר ד״ר סילוואַ מיט א גלאָז וואַסער. ח ל ף און ס ט א ר ע שטייען ארעסטירט, געהיט פון צוויי ציווילע פּאָליציי־אַגענטן)

ח ל ף : אַסך פון אונדזערע — ארעסטירט; מעג מען קומען צו די ווי־טישע? א בראַנד אין זייערע געדערעם. מ׳דאַרף אונטערשמירן, וועט מען אפשר פאָרן בעסער...

ס ט א ר ע : דער אדון, איר ביישלעפּער, וועט מסתמא באַפרייען. אז

נישט וועט מען זיצן אונטער גראטעס...

רייזל: (עפנט די אויגן) א דאנק דאָקטאָר ס'איז בעסער, גוט וואָס די מאמע איז נישט מיטגעקומען, מיר קאָנען אהיימפאָרן.

קאָמיסאר: (אין ציווילקליידער) מאדאם, איר זענט ארעסטירט. איר ווערט איינגעלאדן אין קאָמיסאריע!

רייזל: אה! (פאַרחלושט זיך ווידער, קומט באלד צו זיך)

דר. סילווא: סעניאָר קאָמיסאָר! די דאַמע איז מיין פרוי, איך דערלויב זי נישט צו באלעסטיקן.

קאָמיסאר: און ווער זענט איר, סעניאָר?

דר. סילווא: (דערלאנגט א וויזיט קארטע)

קאָמיסאר: (לייענט) "דאָקטאָר מאנועל סילווא נאציאָנאלער דעפּוטאט צום קאָנגרעס". (סאלודירט) ענטשולדיגט. ס'קאָן זיין ס'איז א טעות, די איינאָרדער פון היינטיקער פאָרשטעלונג האָבן מיר אויפגעגעבן "פאר שטערן די עפנטלעכע רו". — מעגלעך, איר נויטיקט זיך אין מיין הילף, אן אויטאָמאָביל? לויט איך צוגרייטן ביים ארויסגאנג און אייך באגלייטן ביז אהיים.

דר. סילווא: א דאנק, נישט נויטיק.

רייזל: הער קאָמיסאר! איר האָט נישט קיין טעות, כ'בין געווים די, וואָס האָט געשטערט היינט די רו ביי די אלע הערן און דאמען... א טעות מוז אודאי האָבן דאָקטאָר סילווא. כ'בין נישט זיין פרוי. א פרעמדע. ער דערקענט מיך נישט, כ'בין א... נאט זעט מיין ביכל. כ'בין אומלעגאל. ארעסטירט מיך סעניאָר קאָמיסאר.

דר. סילווא: (מיט שרעק) ראזיטא טייערע!

רייזל: סעניאָר קאָמיסאר! (צעלאכט זיך אין היסטעריקע) איך האָב געשטערט די רו, ווער דען... אז נישט איך? (לאכט לאכט און פאלט) אודאי איך!...

(פאָרהאנג)

גאלדענע פינגער...

פ ע ר ט ע ר א ק ט

דער אייגענער זאַל וואָס אין צווייטן אקט. צומאַרגנס. אין הויז — אַן אומאָרדנונג. פּעסעלע פּאַרעט זיך ביי אידס א וואַליזע. לייזער העלפט איינפּאַקן.

פּעסעלע: ...אויסגעריגען האָט זי מיר געדאַרפט ווערן.

לייזער: נאָך קליינערהייט געווען אזא כפּרה. מיט אלע שקצים... גוט מאַמע, וואָס מ'איז באַלד געוואָויר געוואָרן, קום, לאָמיר וויי־כן ס'אָרט!

פּעסעלע: גאַרנישט שלעפּ מיט אירס, אזא שמד־שטיק...

לייזער: די חברה וועט אונדז ארויסהעלפן, מ'וועט זיי זאָגן אז מיר קאָנען דאָ נישט זיין, בלויז אויף א דירה זאָל מען אונדז ארויס־העלפן, איך ווייס שוין וואָס צו טון, מען האָט מיר שוין געזאָגט, כ'וועל ווערן א דאָס, וואָס גיט אויף אויסצוצאָלן...

פּעסעלע: מיט א גויע אונטער איין דאַך וואוינען? טפו! א שטיין איז זי מיינע, נישט קיין טאָכטער!

לייזער: דו פאַרשטייסט נישט מאַמע, ס'איז אסך ערגער, איך קאָן שוין סיי ווי סיי נישט אהיים פאָרן, יעדער וועט פרעגן. וועל איך רויט ווערן. יעדער ווייסט סיי ווי.. כ'וואָלט געשוואוירן אז די רביצין ווייסט אויך. וואָס האָט זי אזוי געלאַכט מיט די גרויסע ציין גלייך מיר אין די אויגן אריין? מאַמע כ'וואָלט געשוואוירן אז זי האָט געוואוסט פון אלץ. אוי מאַמע! (קראַצט זיך אין קאָפּ)

פּעסעלע: נו, לאָמיר גיין, זון, זעסט דאָך ווי גאָט פירט איז גוט, געקומען צו א טאָכטער און געטראָפן צו א שטיין. (ווישט זיך די אויגן)

לייזער: דו בלייב נאָך דאָ, ס'איז היים, וואו וועסטו זיך מיטשלעפּן?

פּעסעלע: שטום ווי די וואַנט, אָן אַ לשון, ווי אַרום וועסטו זיך דערפרעגן?

לייזער: האָסט זיך צו פאַרלאָזן אויף מיר, מאַמע! (גייט אַרויס. פּע־סעלע וויקלט איין אירע זאַכן. עס קומט אַריין קוואַקע טראָגט אַ בריוו אין האַנט)

קוואַקע: אַ גוטן מאָרגן. די טיר שטייט גאָר אָפן? מ׳קאָן דאָך אַלץ צעטראָגן פון שטוב. — אַ בריוו איז געלעגן אין קאָרעדאָר, ווי לאָזט מען עס עפּעס אָפן אַ טיר?

פּעסעלע: דער זון איז אַרויסגעגאַנגען, מן הסתם פאַרגעסן צו פאַרמאַכן.

קוואַקע: און די טאָכטער וואו איז?

פּעסעלע: אפשר שלאָפט זי. כ׳האָב איר נאָך היינט נישט געזען.

קוואַקע: ביי וואָס פּאָרעט איר זיך, אַלט מענטש?

פּעסעלע: די זאַכן פּאַקט מען איין, מיין זון איז שוין געגאַנגען אַ דירה זען.

קוואַקע: דאָ קוקט מען נישט אין פּסוק אַריין. ס׳איז אַמעריקע, ווע־מען אַרט עס, אַז ער איז אַ גוי? ס׳איז דען אַ מאַן? אָן אויסהאַל־טער, איז וואָס? ווען זי וויל זיך צוגיין דאַרף זי אפילו קיין גט נישט.

פּעסעלע: מ׳זאָגט באַטש אַ גוי, אַ שיינער, אַ יונגער, משוגע איז זי דאָך געוואָרן. אַזאַ שוואַרצער, אַ וואָרער קומענקערער, ווי ניגלט זי זיך נישט אַ שטיקל ברויט אויפצועסן פאַר אים...

קוואַקע: ס׳האָט איר עפּעס געפעלט? געריסן האָט מען זיך איבער איר, מיך פרעגט, איך קאָן זי שוין נישט פון היינט. דאָס מזל האָט איר געשיינט. (שטילער) איז שוין באַלד אויף דער צייט... איר זענט דאָך אַ מאַמע!

פּעסעלע: טפו זאָל עס ווערן, אַ ממזר נאָך אַרויסשלעפּן פון איר, אַ שוואַרצן נפש ווי ער, נישט געדאַכט זאָל עס ווערן?

ד ר. סילוואַ: (אָנגעטון אין אַ שלאָפראָק, בלייך און פאַרמאַטערט, קומט אַריין פון דער זייטן־טיר)

קוואַקע: (בויגט זיך טיף, קאָמיש) גוט מאָרגן סעניאָר דאָקטאָר! כ׳בין געקומען געוואויער ווערן וואָס זי טוט, ראָזאַ. אַ שיינע חתונה געווען. ווער האָט זיך אויף דעם גערעכנט?

ד ר. סילוואַ: אַ דאַנק, זיך עטוואָס באַרויקט. האָט מען אייער פריינט

דעם סעניאָר ארטיסט, מיט אנדערן באַפרייט?

קוואַקע: יאָ, סעניאָר דאָקטאָר, אסך דאַנק אייך, זיי שלאָפן און רוען זיך אויס. א וואַשנע נאַכט געווען. נו, סעניאָר דאָקטאָר! יעצט זעט איר שוין איין די גערעכטיקייט? פאַר איר גוטס, פאַר איר גוטס, פאַר אזוי פיל גוטס... נו, פילט זי זיך בעסער?

רייזל: (אין א זיידענעם כינעזישן כאַלאַט, נישט צוגעקעמט, בלאַס, קומט אריין)

קוואַקע: א גוט מאָרגן דיר מיידל, ווי דו זעסט אויס!

דר. סילווא: ראָזינאַ! צו וואָס ביזטו אריינגעקומען? מוזט ליגן, באַרויקן, ראָזינאַ!

רייזל: כ'בין רואיק דאָקטאָר! — דו פאַקסט זיך טאַקע צו גיין מאַמע? גוט, דו מעגסט גיין (דערזעט דעם בריוו) פאַר מיר דער בריוו? יא זע איך. (נעמט דעם בריוו אין דער האַנט ווערט נאָך בלייכער אויפגערעגט, באַמיט זיך צו זיין גלייכגילטיק)

פּעסעלע: אוודאי וועל איך גיין, וואָס דען דאָ זיין? א שוואַרץ פאַר־זעעניש נאָך האָרעווען? כ'זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד...
(מען קלינגט)

דר. סילווא: (גייט עפענען. קומט באַלד צוריק מיט א בריוו) פאַר דיר ראָזינאַ, פאַר דיר. (גיט דעם בריוו, גייט ארויס. רייזל באַטראַכט דעם בריוו).

קוואַקע: זעסט שוין רייזל, ווער ס'איז שיין איך בין קלוג. גלאַט אזוי האָט מען מיך אויסגעקליבן פאַר פּרעזידענטן? חכמה זאָל מען זיך צו מיר קומען לערנען. איך קאָן זיי גוט די קינגעלעך. טריפה בלוט רינט אין זייערע אָדערן ... אוי רייזל! ווען דו גיסט דאָס געלט וואָס האָסט זיי געגעבן, פאַר אונדזער סאָסיעדאַד, א ספר־תורה וואָלסטו געהאַט אן אייגענע... אזוי זאָל איך נחת האָבן.

פּעסעלע. כ'בין צו א טאָכטער געקומען און צו א שטיין געטראָפן (גייט ארויס)

קוואַקע: א צער דאָס צוצוקוקן, אן אלט מענטש האָט שכל ווי א קינד. זאָל מיר געזאָגט ווערן א גוטע בשורה, ווי מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אז ס'וועט עפּעס זיין... מיינסט מ'איז נישט באַלד געוואויר געוואָרן? ביינאַכט זיינען געווען א פאָר פון דיינע געווע־זענע "שטאַב־געסט" האָזן... האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף דיר, נאָר אויף דיר האָבן זיי געוואַרט... דערציילן איך זיי וואָס ס'איז

פאַרגעקומען, איז מען מיט מעסערס געלאָפן אין טעאַטער אַריין. ווען ס'איז נישט שפּעט, בלויז וואָלט זיך געגאַסן... מיינע שונאים און דיינע שונאים זאָלן אַזוי דאַרפן ס'לעבן ווי דו האָסט די גאַנ־צע חתונה געדאַרפט. זעסט דאָך: ס'איז נישטאָ קיין מזל. אַרויס־גיין פון דעם לעבן איז אַוודאי גוט, יעדע איינע פון אונדזעריקע וואָלט געוואָלט האָבן אַ וויטישן... אַן אויסהאַלטער אָבער ס'איז נישט קיין גרינגער ביסן. פאָלג מיך: שלאָג אַ כפּרה מיט אַלצדינג, מיטן גאַנצן גוטן און קום צוריק פאַרדינען... ווי כ'בין אַ יידישע טאָכטער. שלאָגן וועט מען זיך איבער דיר. שפּיי אויף אַלעם! קאָנסט צוקערדיק עסן דיין שטיקל ברויט, און מ'וועט דיר נישט טון קיין טובות. (פּויזע) וואָס כ'בין נישט גערעכט? נחת זאָל איך אַזוי האָבן ווי כ'בין גערעכט.

רייזל: האָ? וואָס?

קוואַקע: כ'בין אפשר נישט גערעכט?

בלאַנדער: (קומט אַן דורך דער פראָנט טיר)

רייזל: אויף דיר וואַרט איך, אויף דיר, ייִנגעל; בריוו! בריוו האָב איך געקריגן, יידיש געשריבן, פון פאַריינען. לייען. (שטופּט אים די בריוו צו די אויגן)

בלאַנדער: ווי פילט איר זיך, ראָזאַ?

רייזל: איך דערקען! ס'איז פון פאַריינען: מגן־דודס און צוויי הענט. לייען, לייען איבער.

קוואַקע: דאָס האָסטו אַזוי גערעדט נעכטן? ס'גאַנצע געסל קלינגט דאָך. פאַר די פּרויענצימערס האָסטו זיך יאָ אָנגענומען. נו, און אונדזערע מענער? טאַטעס פון קינדער זיינען זיי דאָך, וואָס גייט מ'זיי אויף ס'ברויט?

רייזל: (בעט זיך) לייען, ייִנגל, לייען!

בלאַנדער: (לייענט) „צו דער געוועזענער... מיטגלידערן ראָזאַ! דערמיט ווערט איר אויסגעשלאָסן פון פּרויען הילפס־פאַריין לויטן פּאַראַגראַף פון די סטאַטוטן פּונקט 11. פאַר נישט מאָראַלישקייט — מיט האָכאַכטונג: די פּרעזידענטן. (שפּאַנט אויפגערעגט) הי, הי, עקל, עקל, הי, עקל...

רייזל: איז גוט, גוט, גוט, גוט, איז גוט. איז גוט...

קוואַקע: ווער ס'איז שיין — איך בין קלוג.

רייזל: איז גוט, איז גוט! — לייען ווייטער, דעם צווייטן בריוו.

בלאַנדער: (לייענט) „מיר האָבן די הערע אייך צו מעלדן אַז איר

זענט מער נישט קיין סאָסיע פון דער „ערליכער חברה און פון די יידן אין אלגעמיין. פון אונדז די קאָמיסיאָן".

רייזל: אזוי? איז גוט, גוט איז גוט. נו, ווארט נישט, לייען ווייטער!

בלאָנדער: נישטא מער צו לייענען.

רייזל: ס׳איז נאָך דאָ, זעסט דאָך א פול טיש, א פולע שטוב. לייען, לייען אלע בריוו. גוט אזוי, א מצוה אזוי, א מצוה אזוי, גוט, גוט.

קוואָקע: רויזעלע, מאַמעלע!

רייזל: כ׳ווייס, כ׳ווייס, ס׳איז מער קיין בריוו נישטא. מ׳שרייבט, ס׳וועלן קומען: שפעטער, מאָרגן, אלע טאָג וועלן קומען. יאָ קוואָקעלע ביזט גערעכט. — מ׳וועט זיך שלאָגן איבער מיר זאָגסטו? איך כ׳בין נאָך שיין? נו קוואָקעלע! וואָס וועט זיין מיטן בייכל?...

קוואָקע: מ׳וועט עס שוין באזאָרגן... וועסט עס פטור ווערן, נאָך א שווארץ בענקארט פעלט דיר?

רייזל: ביזט גערעכט. גיי, גרייט מיר צו דאָס אייגענע צימער, זאָלסט אויסבריען ס׳בעט, הערסט קוואָקעלע? איך בין שוין אָבגעוואוינט פון וואנצן... די געלע פאָרהענגלעך זאָלסטו אויפהענגען ביים פענסטער, מיינע זאכן האָט דאָך דער רוסישער חזיר צוגענומען, — די אָדעסערן, זאָלסטו זיי אָפנעמען. און „לילי"? לילי זאָל מיר אויך זיין — ווי פריער, הערסט קוואָקע? ס׳איז גאָרנישט פאָרגעקומען. אלץ ווי פריער. א חלום בלויז, א וויסטער חלום. דער דאָקטאָר, די מאמע, דער ברודער, אלץ האָט געחלומט. גאָרנישט איז פאָרגעקומען... ביזט גערעכט, קוואָקע, און זיי זיינען אויך גערעכט. די וויטישע, די מאמע, אלע, אלע.

בלאָנדער: ראָזא!

רייזל: דו ביזט אויך גערעכט, נאָר איך איינע בין נישט גערעכט, איך איינע...

קוואָקע: וועל איך א לויף טון זאָגן וואָס צוצוגרייטן, אז ס׳האָט זיך אזוי געמאכט. (וויגט זיך איילנדיק ארויס)

בלאָנדער: ראָזא!

רייזל: נו, כ׳זאָג דאָך דיר: דו ביזט גערעכט, וואָס נאָך?

בלאָנדער: איך וועל נישט לאָזן!

רייזל: יאָלד! ווער הערט דיך? מיין מאַן האָט מיך ליב ווייל כ׳בין א ווייסע, ווייל כ׳האָב א ווייסע הויט.

בלאָנדער: איך — ווייל דו האָסט א ווייסע נשמה.

רייזל: ביזט א שטערן־זעער? — איך זע גארנישט. אסך בעסער איז געוועזן דארט אין געסל. ס'איז טרויעריק געוועזן האט מען זיך אנ־געשיכורט. איז וואס? האט מען נאר געפילט ווי ס'ווערן שווער די קניען... דא טרינק איך נישט, אבער שווער ווערט דער קאפ. אזוי שווער נישט צום איבערטראגן, מוז איך צוריקגיין. לאמיך דאכטן אז ס'איז גארנישט פארגעקומען, ס'איז גארנישט געוועזן מיט מיר. ס'דארטיקע לעבן איז אויך א לעבן. וועסט דאך קומען צו מיר, קיין בריוו האב איך שוין נישט פאר וועמען צו שרייבן. דאס וועט פעלן... (ווישט זיך די אויגן) מילא, וועסטו גלאט אזוי מיר שרייבן בריוו, און דערנאך צערייסן...

בלאנדער: פון דאנען זיינען די וועגן ברייטע און פרייע. כ'האב אביסל געלט לאמיר קיין אמעריקע פארן. איך וועל זיין אייער ברו־דער, און אז איר וועט וועלן...

רייזל: נישט יעצט, צוליב טון דער מאמען, זיין צווישן יידן.

בלאנדער: ראזא! און אז איך וועל נישט לאזן? כ'קאן אויך שטארק זיין. (ווייכער און צארטער) ראזא! און אז איך האב אייך אזוי ליב? אייער קול, איינגאנצן אייך, אייער נשמה אייך ראזא! איך פארשטיי און פיל און זע אזוי פיל צער אין יעדן קנייטש פון אייער פנים ליגן. מיט מיר קומט. מיך וועט איר נישט דארפן נארן. איך באשטיי אויף אייך אויך. לאמיך זיין אייער מאן, אייער ברודער, ראזא!

רייזל: א ברודער יא, א מאן נישט. (ווייזט אויף איר ברוסט) ס'איז גארנישטא. ס'איז ליידיק. נישטא קיין הארץ. וועסט באדויערן.

בלאנדער: ארעם בין איך, אבער גליקלעך וועט איר זיין ביי מיר!

רייזל: א ברודער יא, א מאן נישט (גלעט אים איבערן קאפ) א ברו־דער, וואס איז? וועסטו קומען בריוו שרייבן, וועסטו... וועסטו מיר יידישע בריוו שרייבן (גלעט זיינע האר)

בלאנדער: (קניענדיק) ווען דו וואלסט מיך אזוי פארשטאנען ווי איך... דיך... (וויינט)

דר. סילווא: (אנגעטון ווי צום גיין) אלזא, (דערזעט זיי אין א צארט ארומגענומענער פאזע. אירע פינגער אויף זיין קאפ, זיינע ליפן אויף איר קלייד) אך, ענטשולדיקט. איר ווייסט? יא, דאנא ראזיטא, כ'האב געוואלט זאגן... הם! ענטשולדיקט מיר. איך וועל פרובן צוריקקומען וואס פריער.

רייזל: דאָקטאָר! (גיט א שטופּ אָפּ פון זיך דעם בלאָנדן)

דר. סילווא: יאָ? האָ?

רייזל: ער איז א ברודער מיינער. און איר וואָס ווילט זיין?

דר. סילווא: איך? נו יאָ... ער איז דיין ברודער — איך — דיין מאַן! היינט ווערן מיר. זיי מוחל... אויף זעקס אזייגער ווארט דער ציוויל ריכטער...

רייזל: מיין טאטע וועסטו זיין! מיין פּאָטער, — מיין מאַן נישט. איך קאָן נישט זיין דיין ווייב, זיינס אויך נישט — אלעמענס — יאָ. כ'בין אלעמענס ווייב! יעדן א שטיקל, יעדן א ברעקל. צו איין מאן דארף מען האָבן א גאנץ הארץ, א גאנץ און א גרויס, א וואַרעמס און א היים, און איך האָב א צעקרישלט. אלעמענס ווייב קאָן איך זיין, דאָקטאָר, דאָ וועל איך נישט זיין.

דר. סילווא: וואו דען ווילסטו גיין?

רייזל: אהין, אהין וואו ס'איז קיין חשבון אין די טעג נישטא, וואו מען לאכט אָפן און מ'וויינט באהאלטן.

דר. סילווא: מוטער פון גאָט! ביזט קראנק און אויפגערעגט. נאָך נעכטן ביינאכט האָב איך עס פארשטאַנען, בשעת דיין דערקלערונג פארן קאָמיסאר. כ'וועל שוין יעצט נישט גיין ביז כ'וועל רופן א דאָקטאָר, ראָזיטא, א דאָקטאָר.

רייזל: כ'בין נישט קראנק.

דר. סילווא: ערשט נעכטן געווען אזוי גליקלעך דו און איך. דיין בשורה האָט מיך פאראנטווארטלעך געמאכט פאר דיין יעדן טריט. נו, און היינט דארפן מיר דורכן ריכטער באשטעטיקט ווערן אלס מאן און ווייב.

בלאָנדער: פונס נעכטן ביז היינט ליגט א נאכט אין דערמיטן. (גייט ארויס)

רייזל: צוריק וועל איך גיין, צוריק. ס'איז גארנישטאָ אין מיר אלץ מוז זיין א ליגן.

דר. סילווא: איך וועל דיך נישט לאָזן. ניין, נישט לאָזן, ראָזיטא!

רייזל: קאָן זיין מאָרגן וואָלט שוין פארפאלן געווען. דעם ריכטערס התימה וואָלט דיר מאכט געגעבן מיינע טריט צו צוימען.

דר. סילווא: אויב דער ריכטער האָט מיר נאָך זיין מאכט נישט געגעבן, האָט מיר אָבער דער העכסטער הערשער — די נאַטור, געגעבן די רעכט איבער דיר צו וואכן, דיך צו שיצן, ווייל אין דיר

נע געדערעם צאַפּלט מיין חלק לעבן פון ווייטערן דור...

רייזל: אָן אונדזעריקע קאָן מען נישט גלויבן. נו, פאַרשטייסט?..

דר. סילווא: ניין, איך פאַרשטיי גאָרנישט.

רייזל: נו, ס'קאָן דאָך זיין, דו... דו דאַרפסט נישט זיין אַזוי זיכער, אַז איך טראָג פון דיר בלויז...

דר. סילווא: האַ? געמאַרט? אונטער מיינע פּלייצעס? אין מיין שטוב? אָ, מאַריא הייליקע! א פאַרפלאָנטערטער חלום וויקלט זיך אַרום מיינע נערוון, ניין ראָזיטאַ! בין איך קעגן דיר שלעכט באַגאַנגען, וואָס דיין שטראָף איז אַזוי צאָרנדיק קעגן מיר?

רייזל: נישט קיין ליבע, נישט קיין האַרץ, בלויז דאַנקבאַרקייט, און דאָס איז זייער ווייניק פאַר דיר, זייער ווייניק.

דר. סילווא: ניין ראָזיטאַ! דו נאַרסט מיך, יעצט נאַרסטו מיך. פאַרפאַלן, כ'האָב מער קיין שליטה נישט איבער דיר. גיי, אַז איך האָב נישט קיין מאַכט. ווייס, אַז מיינע אויגן וועלן תמיד הענגען צוקאָפּנס דיין בעט, וועלן תמיד זען דיין פּיין, וועלן טרערן פאַלן אויף דיין ברוסט וועלן עם מיינע טרערן זיין.

רייזל: דאָקטאָר! דו ביסט עם טאַקע דער טאַטע פון דעם וואָס ס'ליגט אונטער מיין האַרץ. דו אַליין. איך שווער! (הענגט זיך אָן אין זיין האַלדז)

דר. סילווא: (דערמינטערט) כ'האָב עס געוואוסט, איך גלויב דיר ראַזינאַ מיינע, ווייב מיינס! (קושט איר אין די הענט) גאָרנישט זאָלסטו מיר ריידן מער. איך ווייס גאָרנישט און פיל גאָרנישט. כ'לויף גלייך צום ריכטער, נאָכדעם וועל איך מיט דיר צופאָרן און אונטערשרייבן די חתימה־שיין. די מאַמע מיטן ברודער וועלן זיין, הערסט? וועלן מוזן זיין. ביז שפּעטער, ביז שפּעטער! ראָזיטאַ! (קושט איר קאָפּ) ביז שפּעטער! (גייט אַרויס. רייזל קוקט אַרויס אין די בריוו. קוקט פאַרשטוינט. צעקנייטשט זיי, רייבט אָן א שוועבעלע צינט זיי אונטער האַלטנדיק מיט די פינגער דעם שפּיץ פונם בריוו, מיט דער אַנדערער דאָס שוועבעלע. דאַן קומט חלף און סטארע)

חלף: גוט מאָרגן!

סטארע: ס'איז אמת?

חלף: גייסט צוריק אויף ס'פאַרדינסט?

רייזל: (שווייגט. קוקט זיך אפילו נישט אום)

ח ל ף: אזוי האָט די קוואַקע געזאָגט. א שיינע חתונה האָט מען נעכטן אָפּגעשפּילט, הא רייזל?

ס ט א ר ע: ווען נישט דיין דאָקטאָר, אָ, זיצט מען אין דער קוטשע ווי דער סופלאָר אין קאַסטן... גייסטו טאַקע צוריק:

ר י י ז ל: (ווייזט די אויסגעברענטע בריוו) איר זעט דאָס אַש? האָ? ס'זיינען מיינע אויסגעברענטע חלומות, דער איבערגוס פון מיינע האָפענונגען.

ס ט א ר ע: סאַפּפּאָ! סאַפּפּאָ! — שפּילט זי דאָך.

ר י י ז ל: איר ווייסט אז מען האָט מיך אויסגעשלאָסן פון די וויטישע פּאַריינען? (צעלאַכט זיך באַלד) אזוי ווי מען וואַרפט ארויס א הונט פון א סעודה כאַ־כאַ כאַ־כאַ, ערשט נעכטן האָב איך זיי גע־געבן טויזנט טאַלער. מ'קען מיר נאָך דאָס געלט אויך צוריקשיקן. כאַ־כאַ כאַ־כאַ (לאַכט ביז געוויין)

ח ל ף: האָסטו א זאָרג. הלוואי וואָלסטו אויף אונדזער "סאָסיעדאַד" גע־געבן אזוי פיל געלט וואָלסט געזען אונדזער "הייליק אָרט", א צירונג! איך זאָג דיר א צירונג איז עס: א בראָנזענער טויער, א צימענטן פּאַרקאַן מיט טראָטואַרן, בלומען און גראָז. א צירונג זאָג איך דיר. הלוואי זאָל מען עס נישט דאַרפן באַנוצן; איבער הונ־דערט מיט צוואַנציק יאָר איז דאָס דאָך א נחת...

ר י י ז ל: וויטישע וועט מען דאָרט אויך באַגראָבן, כ'מיין די וואָס זיי־נען שוין נישט אינם לעבן?

ח ל ף: פאַר וואָס נישט? א בלאַטע, אָדער א חברה־מאַן מעג זיך הונ־דערט מאָל איבערגיסן, ווערן א פיינער מענטש, איז ער אליין אַן אונדזעריקער. קנאַפּ זיינען זיי אונדזערע סאָסיעס?

פ ר א נ צ ו י ז י ן: (קומט אָן צולויפן אָנגעטון אין ווייסן זייד. טראָגט דאָס הינטעלע) באָן זשור, ראָזאַ! די מאַדאַם זאָגט אז דו קומסט צוריק, איז עס אמת? כ'בין ארומגעלאָפן אין אלע בלומען געשעפ־טן, געוואָלט דיר קויפן בלומען, קריגט מען נישט אזעלכע וואָס איך וויל. נאַ דיר "לילין". אך ווי בלייך (קוקט אויפן בויך) אמת?

ר י י ז ל: נו יאָ. אָ לילינקע, טאָכטער מיינס (קושט ס'הינטל) ווי קרע־ציק אודאי נישט געבאָדן, אודאי נישט געקעמט (קושט ס'הינטל). נו, מיר וועלן שוין צוריק זיין. צוריק לילישי!

פ ר א נ צ ו י ז י ן: צו מיין דאָקטאָר וועסטו גיין, איינס און צוויי און ס'איז פאַרטיק. גאָלדענע הענט האָט ער. דינע פינגער אזעלכע וויי־

סע און לאנגע. (קושט איר) לעבן דיין צימער וועל איך נעמען מיינס. ווייסט, די זשאפע איז שוין נישטא, די בלינדע זשאפאנעזערן.

ליזל: וואו איז זי?

פראנצויזין: כא כא כא, שוין לאנג אוועק פון אונדז. נו, האט זיך ארומגעשלעפט ביז מען האט איר געפונען אין ים. אפשר האט מען זי אריינגעווארפן און אפשר האט זי זיך אליין דערטרונקען... (טאפט איר ווידער דאס בויך) האסט זיך געלאזט ארייננארן? נאר האט מען זי געפאלמעסט, סטודענטן האבן געריסן שטיקער פון איר, כ'בין זי געגאנגען דערקענען... א ראזינא? אויפן מארמארנעם טיש איז געלעגן א פעקל צעקאליעטשעטע פלייש... בררר! מ'שאדט נישט, א דימענטענער דאקטאר איינס און צוויי און ס'איז פארטיק. ווי בלייך דו זעסט אויס און געקנייטשט.

לייזער: (אנגעטון אין א ווייסער פיזשאמע, אנגעהאנגען מיט פאר־סעקלעך, בייטעלעך, און אין דער האנט האלט ער א פעקל מיט קארטלעך סחורה. שטארק פארשוויצט)

סטארע: האצמאך איז דא!

לייזער: נישטא די מאמע?

ריזל: ביי זיך אין צימער.

פראנצויזין: דיין ברודער איז דאס, א "רוסא?"

חלף: ס'זעט א פרנסה?

סטארע: מ'האט אים שוין אויסגעלערנט די ראלע — צו קלאפן.

פעסעלע: (קומט אריין) ביזט שוין דא לייזער? וואס איז דאס אזוי אנגעהאנגען?

סטארע: דאס זיינען די הינע ערלעכע געשעפטען, מומעשי, די יידי־שע פרנסות. (זינגט) "הייטע באבקעלעך יידעלעך היים"!

פראנצויזין: דיין מאמע ראזא? א שיינע אלטיטשקע. מוז איך לויפן זאגן דעם דאקטאר ער זאל אין דער היים זיין (גייט ארויס).

לייזער: נו, מאמע! ביזטו צוגעגרייט? א דירה האב איך שוין, א קליין הדרל ביי א ייד. כ'וועל פארדינען וועט מען זיך איבערציען. דער טאג שטייט נישט מאמע.

פעסעלע: ווי איז מיין עלטער! — מ'האט דיר געגעבן אויף א דירה?

לייזער: דאס ארט דארף מען דא אויסמיידן מאמע, לאמיר שוין גיין. דו ווייסט גארנישט וואס ס'טוט זיך; דער פרעזעס פון דער חברה האט מיר גארנישט געוואלט העלפן, ווייל איך בין איר ברודער.

הערסט מאמע, ווייל כ'בין איר ברודער האָט מען גאָרנישט גע־וואָלט העלפן.

פּעסעלע: זי וואָלט כאָטש געווען א יידיש קינד...

רייזל: כ'טו דיר צוליב מאמע, איך גיי אויך אוועק פון דאנען, פון גוי. כ'וועל שוין ווערן א פרומע אזוי ווי אלע, אין שול אריין וועל איך גיין, לעכט וועל צינדן כשר עסן און ראש חדש בענטשן, אזוי ווי אלע, וועל איך זיין א פרומע אזוי ווי אלע.

לייזער: קום מאמע, ס'איז נאָך ערגער (שטופּט זיך די פינגער אין מויל) א, דו פארשטייסט גאָרנישט מאמע, ס'איז נאָך ערגער. קום שוין.

פּעסעלע: (וויינט) געקומען צו א קינד און א שטיין געטראָפן, ווי איז מיין עלטער.

דר. סילווא: (קומט און טרעפט זיי ארויסגיין) איר גייט טאקע? (צו רייזלען) זאָלן זיי וואַרטן. היינט איז א יום טוב, א גרויסער יום טוב מיר גייען צום ריכטער ארויסנעמען חתונה־פּאפּירן.

רייזל: ס'וועט גאָרנישט זיין. זאָלן זיי גיין. גאָרנישט וועט זיין!

דר. סילווא: אבער ראזינא! ס'איז אלץ צוגעגרייט.

רייזל: יאָ ס'איז אלץ צוגעגרייט: דער זעלבער צימער, דאָס בעט און די געלע פאָרהאנגען.

חלף: אויב אזוי, האָט מיר אויך א גוטן! (שלעפּט ארויס סטארען. שארן זיך ארויס)

רייזל: דאָקטאָר! פריינט מיינער! ווערסט מיר מוחל זיין. ס'איז מיר ענג, ס'איז מיר ענג דאָ און דאָרט. עס שטיקט, אומעטום שטיקט מיך, לאָמיך ערגעץ גיין. נעגל, שארפע נעגל בייסן זיך אין מיין פלייש אין האלדז אונטער די אויגן, לאָמיך גיין כ'ווייס אליין נישט וואו. אפשר וועל איך מאָרגן צוריקקומען קלאפּן ביי דיין טיר; גור טער פריינט כ'וועל דיר זיין א דינסט. א ביישלעפערן, — א ווייב נישט. דו טאָרסט נישט זיין מיין מאן, ס'וועט דיר שלעכט זיין, איך טאָר נישט זיין דיין ווייב איך טאָר נישט זיין מיין מאמעס טאָכטער, מיין ברודערס שוועסטער, איך טאָר נישט זיין מיינע אליין, אירע מעג איך זיין — די קוואָקעס! דעם מאטראָז'ס אלע־מענס מעג איך זיין נאָר נישט קיינעמס!

דר. סילווא: ראזינא מיינע, ביזט אויפגערעקט, כ'האָב עס געזען: נעכטן ביינאכט, ווייל איך א דאָקטאָר רופן. כ'בין אזוי צוגעוואוינט

מיט דיר.

רייזל: ווען סטו קומען אהין ווי א מאָל, וועט דאָך בעסער זיין, פאר דיר וועט בעסער זיין.

דר. סילווא: ניין, כ׳וועל דיך נישט לאָזן. דו טאָרסט נישט גיין הפקרן דיין לייב ווען דו טראָגסט מיין קינד אין דיינע געדערעם. איך וועל נישט לאָזן.

רייזל: ניין, איך וועל נישט גיין דאָרטן אין געסל אריין.

דר. סילווא: גאָט מיינער! ביזט ענדלעך צוו שכל געקומען, שיינע ראָזינא מיינע! מאָמע מיינע! (כאַפּט זי קושן און האלדזן) דער־נאָך וועסטו דאָך א קינדערלע האָבן, וועט דאָך יעדעס ווינקעלע דאָ זיך אנפילן מיט פרייד, די מאמע וועט צוריק קומען, ס׳וועט דאָך זיין אן איינינקל א קליינס, א שפרינגעדיקס: וועט עס זיין געראָטן אין דיר צו אין מיר? וועט עס זיין א ווייס צו א...? (פארקלערט זיך ווערט טרויעריק) אין ביידע וועט עס אריין געראָטן אין דיר און אין מיר. וועט עס זיין "קאפע מיט מילך" און אפשר גאָר... אָבער די מאמע וועט דאָך צוריקקומען!

רייזל: דאָ וועל איך נישט זיין דאָקטאָר, דאָ וועט מיין מאמע נישט צוריקקומען.

דר. סילווא: וואָס?

רייזל: דאָ נישט, אָבער דאָרטן צו דער קוואַקע וועל איז אויך נישט גיין. איך שווער דיר כ׳וועל אליין וואוינען פאר זיך אויף א דירה. ס׳וועט קיינער נישט טאָרן קומען דעם קאָפּ וועל איך שפּאלטן אז מ׳וועט קומען צו מיר.

דר. סילווא: ראָזינא!

(די פראנצויזין קומט אריין ווינקט צו רייזלען)

רייזל: שוין גיי איך שוין (צו דער פראנצויזין) וואוינט ער ווייט?

פראנצויזין: נישט ווייט, איך האָב געזאָגט, ער וואַרט.

רייזל: איז ער א געשיקטער?

פראנצויזין: גאָלדענע הענט האָט ער, איינס און צוויי און ס׳איז פּארטיק

רייזל: נו, אדיאָס פריינט! זאָלסט נישט בענקען, אדיאָס, אדיאָס, אדיאָס! (כאפּט אויף זיך א מאנטל נעמט אָן די פראנצויזין ביים האנט. שלעפּט זי ארויס. ס׳קומט אריין דער בלאָנדער אינגאנצן עפּעס ווי פארלוירן, נאָך אים שארן זיך נאָך די צוויי דעלעגאטן)

צווייטער דעלעגאט: במקום שבעלי תשובה עומדים... א קלייניקייט?

ערשטער דעלעגאט: מיר ווילן זיך אפרייניקן, אפשטויבן זיך. קהל וויל זיך דערוויטערן פון יענע — קומט עפעס דערפאר?

צווייטער דעלעגאט: במקום שבעלי תשובה.. א קלייניקייט.

ערשטער דעלעגאט: זי איז עפעס אנדערש. מ'קאן געפינען א התר, אויסגעקויפט די זינד, זיך איבערגעגאסן, מ'האט זי בחנם מבזה געווען, אודאי איז נישט גלייך. וועט מען זי איבערבעטן — וועט זי מוחל זיין.

בלאנדער: דאקטאר!

דר. סילווא: ראזא? נישטא מער! אין טייוולס רשות.

בלאנדער: צוריק?!

דר. סילווא: ס'איז דא א נישט געזעענער עמיץ, וואס וויקלט די טריט, וואס האלט די נשמה ביי זיך אין האנט און שפילט מיט איר אין באלעם. קאן זיך א באלעם האלטן איבער די וואלקנס לאנג? וואס איז א נשמה? דורכזיכטיק גלאז. פאלט עס, צעברעכט עס זיך אינגאנצן.

צווייטער דעלעגאט: ס'איז א טעות געווען נעכטן, א בפירושער טעות.

דר. סילווא: יא, סעניארעס, א טעות. ס'האט א שטיק ווייסקייט ארומגעקאלערט דא אין שטוב, א שטיק ליכט אין מיינע אויגן, מיין ראזא, — און וואס איז געבליבן? (רייבט מיט די פינגער דעם אש פון די אויסגעברענטע בריוו, וואס איז פארבליבן אויפן טיש) אביסל שווארץ אש.

צווייטער דעלעגאט: מיר וועלן זי איבערבעטן, א בפירושער טעות איז געווען, מיר זיינען דאך גאר מענטשן.

דר. סילווא: נו גייט, סעניארעס מיינע. א גלעזערנע נשמה האט זי, קריסטאל גלאז. זי וועט שוין איצט גאר צעבראכן ווערן.

בלאנדער: וואו, וואו איז זי?

דר. סילווא: אומעטום. אויפן הפקר.

ערשטער דעלעגאט: אזוי גאר, אזוי גאר? האט מען דאך נישט וואס צו טאן.

צווייטער דעלעגאט: הער דאקטאר... היינט אין קאנגרעס...

ד ר. ס י ל ו ו א: יאָ. היינט איז דער קאָנגרעס־פאַרזאַמלונג. דעם געזעץ באטראכטן, הא דארף מען גיין?!

ע ר ש ט ע ר ד ע ל ע ג א ט: הער דעפּוטאַט...

ד ר. ס י ל ו ו א: אודאי דאַרף מען גיין, גיין! גיין! (גייט אריין צו זיך אין צימער)

ע ר ש ט ע ר ד ע ל ע ג א ט: איז גאָרנישט וואָס צו טון, קומט עפּעס דער־פאַר? (ביידע דעלעגאטן גייען ארויס.)

ח ל ף: (קומט אָן קלערט א רגע, מאכט זיך שמייכלען) איר ווייסט אפשר ווען ס׳קומט אוים ניין טאָג אין ראש חודש שבט?

ב ל אָ נ ד ע ר: (קוקט אים אָן מיט א צעמישטן בליק)

ח ל ף: יאָר־צייט האָב איך דאמאָלס, יאָר־צייט נאָכן טאטן. איר האָט א טאטן?

ב ל אָ נ ד ע ר: (ווי צעמישט) אפשר יאָ.

ח ל ף: וואָס פאר א לשון? — הערט מיך אוים יונגערבוים, איר ווילט נעמען מיין טאָכטער פאר א כלה?

ב ל אָ נ ד ע ר: (קוקט אים אָן גלייך, אין די אויגן אריין אָן באוועגונג)

ח ל ף: איך גרייט אייך שוין דאָס צו זאָגן פון ווי לאַנג, דער דראין — די ראָזע האָט אלץ אָפּגעהאלטן. זי האָט געמיינט אפשר אייך אויך פארדרייען א קאָפּ ווי דעם דאָקטאָר דאָ, — א דימענטענער גוי. וואָס איז זי אנטלאָפן? מ׳האָט איר אָנגעטרעטן אויפן כבוד, כ׳בעט אייך איבער: בליאדישער כבוד...

ב ל אָ נ ד ע ר: (קוקט אים אָן. בלאסע פארבן שפּילן זיך אויף זיין פּנים.)

ח ל ף: פאָלג מיך, לאַנדסמאַן און לאָז דיר ארוים פון שווינדל, זי וואָלט דיך סיי ווי נישט גענומען, און אפילו יאָ? — מיך הער, כ׳קאָן זי בעסער ווי אלע אירע ליבהאָבערס, א קראנקע, מיט פארפוילטע לונגען, א שיינער פארגלייך צו מיין טאָכטער: ווי מען נעמט א געמאָלענע ליאלקע, א געזונט שטיק — אייזן. און פאר אָרענטלעכ־קייט? — בין איך א טאַטע!

(די קוואָקע און אָדעסערן קומען אָן.)

ק ו ו אָ ק ע: ס׳זעט?

ח ל ף: ...ווייסט איר נישט ווען ס׳קומט אוים ניין טאג אין ראש חודש שבט, יונגערמאן?

ק ו ו אָ ק ע: נאָר די פאָרהענגלעך האָט זי געוואָלט די זעלבע. מען זעט זי נישט.

אַ ד ע ס ע ר ן: אפשר איז זי שוין אהינגעגאנגען?

(פעסעלע לויפט אריין ווי זוכנדיק און סאַפּעט. נאָך איר לייזער).

פ ע ס ע ל ע: ווי מיין עלטער, לאָמיך ריידן מיט איר. זי איז דאָך מיין קינד, אפשר וועט זי זיך איבערדרייען.

ל י י ז ע ר: וואָס הייסט, מאמע! ווילסט מיט איר אהיים פאָרן? אזא בושה!

פ ע ס ע ל ע: זי איז דאָך מיין קינד.

ל י י ז ע ר: מאמע, מיר האָבן דאָ גאָרנישט וואָס צו טון.

פ ע ס ע ל ע: אָבער ריידן לאָמיך מיט איר, זי איז דאָך אויך מיין קינד, זי איז נישט מיין קינד?

ל י י ז ע ר: מאמע, ס'איז נאָך ערגער, לאָמיר גיין, מאמע.

ד ר. ס י ל ו ו א: (קומט ארויס פון זיין צימער) שוין אוועק ראָזא — נישטאָ דאָ. ערגעץ אנדערש וואוינט זי. (צו קוואַקען) בחנם מאַדאם, וועט נישט גיין צו אייך (הויך) וועט נישט גיין צו אייך. מיט קיינעם וועט זי נישט גיין!

ר י י ז ל: (קומט אָן צולויפן, צעשויבט און צעשאָטן, לאָזט זיך צום דאָקטאָר נאָך איר די פראנצויזן וואָס וויל איר פארהאלטן)

ד ר. ס י ל ו ו א: ראָזינא! דאָ? מאדרע! (לאָזט זיך צו איר מיט געוויין און פרייד)

ר י י ז ל: (טוליעט זיך צו אים) מעסערס, מיט בלאנקנדיקע מעסערס!...

פ ר א נ צ ו י ז ן: ראָזינא, טייערע, שווייג! (מיט געבעט צו קוואַקע) אַ מאדאם!

פ ע ס ע ל ע: טאָכטער, קום אהיים. מיר האָבן אויך אַ גאָט!

ר י י ז ל: די מעסערס, דאָקטאָר, מיט מעסערס האָט ער געוואָלט שניידן, מיך צעשניידן, פּאַלמעסן, ווי די זשאפּע. (צו דער פראנצויזן) ווי די זשאפּע אויפן מארמאר טיש; זיך לערנען אויף מיר? כ'האָב אזוי מורא.

פ ר א נ צ ו י ז ן: (שטיל צו קוואַקען) גאָלדענע פינגער האָט ער. ס'וואָלט לייכט אריבער איז זי אנטלאָפן.

ד ר. ס י ל ו ו א: (צעעפנט די אָרעמס) מ'איז דיך געקומען איבערבעטן, איבערבעטן. דיין מאמע איז דאָך אויך דאָ. בלייב שוין ראָזא מיינע!

ב ל אָ נ ד ע ר: (צעעפנט די אָרעמס) די וועגן זיינען פון דאנען ברייטע

און פרייע, וועל **איך זיין דיין...**

פּעסעלע: (צעעפנט די אָרעמס) קום אהיים טאָכטער, מיר האָבן דען נישט קיין גאָט?

קוואָקע: (צעעפנט די ארעמס) שפּיי אויף אלעס, שלאָגן וועט מען זיך איבער דיר. מיך הער, מ׳וויל דיך ״טשאקען״ מיט א צוקערלעכל. קום צוריק אז דו האָסט שוין צוגעזאָגט. די געלע פאָרהענגלעך זיי־נען שוין אויפגעהאנגען.

סטארע: (קומט צו לויפן) דאָ זיצט זי, מאדאם. ס׳גאנצע ״געסל״ איז חרב, מיט שטעקנס שלאָגן זיי זיך די ווייטישע. פּאָליציי העלפט זיי מיט. קיין איין שטיבל איז נישט גאנץ. א פּאָגראָם איז אויף אונדזערע. זיי גייען צום קאָנגרעס און צו די רעדאקציעס.

ריזל: (שטופּט די פויסטן אין מויל אריין, טוליעט זיך צו דער פראנ־צויזן) אזוי פיל הענט, אזוי פיל פינגער... גאָלדענע פינגער און פינגער שפּיזן... כ׳האָב אזוי מורא פאר די בלאנקנדיקע מעסערס. עליא, שוועסטערל, שיץ מיך! (וויינט אין איר הארץ אריין צעבראָכן און הילפלאָז)

פראנצויזן: אָ מאריא הייליקע! איך בין נישט שולדיק, פערדאָן מיר מאריא הייליקע, פּערדאָן מיר! (פון אונטן פראלן ארויף דויט־לעכע קולות פון די מאסן, וואָס פאָדערן דער דאָקטאָר זאָל ריידן).

דר. סילווא: האָ? דארף מען גיין, דארף מען ריידן?

(גייט צו צום באלקאָן ברעכן זיך די קניען און פאלט)

ריזל: אזוי פיל גאָלדענע פינגער!... אזעלכע שפּיצנדיקע... אזעלכע שטעכנדיקע אלע ציען... רייסן פּאסמעס אונטער די הויט, אלע שטרעקן זיך און שלעפּן, רופן ערגעץ... זיי שטעכן זיך אריין אין מיר. עליא, שיץ מיך כ׳האָב אזוי מורא... (אירע ספּאזמען ווערן שנעלער ווי קיילעכדיקע דונערס וואָלטן ארויסגעקייקלט פון אן אויפגעריסן הארץ.)

פאָרהאנג

— סוף —

ריאָ דע זשאַנעירא

1 9 2 5

בוענאָס איירעס

1 9 2 6

פון ל. מלאך

ביכער וואס זיינען דערשינען אין פארלאג א. גיטלין־ווארשע:

„אין פוילן“ (ראמאן אין פערזן),

„אמאל אמאל“ (פאעמעס און באלאדעס),

„אפפאל“ (דראמע אין צען בילדער),

לידלעך און מעשהלעך — פאר קינדער

ביכער וואס וועלן דערשיינ׳ען:

„בוענאס איירעס“ (בילדער),

„בראזיל“ (רייזע שריפטן),

„די מויד פון לודמיר“ (דראמע אין 3 אקטן),

„ראסינא“ (פאעמע).

„איבערגוס“ (דראמע אין 4 אקטן) — **דערשינען.**

ליניאָטיפּיע און דרוקעריי
ג. פּ. סאַליטאַ
בוענאָס איירעס